STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08584

DO IZ MAYN HEYM

L. Miler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מילער

דאָ איז מיין היים

געקליבענע לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „סיגנאַל“ ביים „פּראָלעטפּען“
ניו יאָרק
1939

פריער דערשינען :

„אויף גאָטס וועלט“ 1919

גרייט צום דרוק :

„גראָז־בלעטער“

פון וואָלט וויטמאַן
(איבערזעצונגען)

„צוליב דעם לעבן“
ראָמאַן.

490

אַסטאָריאַ פּרעס
61 איסט 4טע גאַס
ניו יאָרק, נ. י.

L. MILLER

DO IS MEIN HEIM

POEMS

HERE IS MY HOME

Copyright 1939
by
LOUIS MILLER
New York, N. Y.

PRINTED IN U. S. A.

I

דערפאַר וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב

איך זינג פון לעבן

זאָל זינגען, ווער עס וויל, פון טויט, פון שרעק און אומגליק.
און ווער עס מוז, זאָל צווייפלען, פאַרלייקענען, פאַרנייגן.
איך—זינג פון לעבן. מיר איז דאָס לעבן ליב און אייגן
און א י ך זע איצטער שוין דער צוקונפט׳ס העלן אָנבליק.

זאָל זיפצער קראַצן זיך אַליין מיט גלאָז די וואונדן
און שפּילן זיך מיט ווערטער גלאַנציקע ווי מעסער.
איך—בין פון יענע, וואָס ווילן ס׳לעבן מאַכן בעסער,
איך בין דורך לייד און פרייד צום לעבן צוגעבונדן.

ס׳איז שלעכט—איך ווייס, מען דאַרף פאַרריכטן, איבערבויען,
איך ווייס פון אונזער נויט און פּיין און ווער ס׳איז שולדיק.
ווי אַ בריפנטרעגער וועל איך אומגיין שטיל געדולדיק
און ברענגען אויפקלער־וואָרט צו יעדנס טיר און טויער.

מיין חלק אייביקייט אין לעבן

דער האַר — דער שונא הערשט.
און איך בין נישט אין גוטער צייט
געקומען אויף דער ערד. —
ווייל פירן פירט זיך דאָ אַזוי:
אַז אַלץ איז איינגעטיילט אין האַר און קנעכט.
הפקר איז דער מענטש;
זיין לעבן ווערט פאַרשוועכט;
און דער וואָס גייט ניט אינם טראָט
פון האַר און נוגש,
ווערט אַליין באַצוואונגען
אין דעם גורל פון די קנעכט . . .

איך בין אַהער געקומען אין אַ צייט
פון געצנדינעריי;
אויף יעדן ראָג אַן אַנדער געץ
און איבער אַלץ,
האָט אויסגעשפרייט אַ נעץ פון בלינדן גייץ,
דאָס קאַלב —
דער גאָט פון גאָלד;

דאָס כהנ'טום פאַרבלענדט די אויגן פון דעם פאָלק.
ברוטאַל און ווילד ווערט אָנגעפירט דער טאַנץ
אַרום דעם קאַלב
און ווער עס טאַנצט ניט מיט,
צעטראָטן ווערט
און קיינמאָל וועט שוין דער
ניט אויפשטיין פון דער ערד.

ניט געווען באַדאַרפט אַזוי זיך איילן
קומען וואוינען אויף דער ערד.
בין איך אָבער יאָ געקומען —
האָב איך דאָ מיין חלק אייביקייט אין לעבן . . .
וויל איך דאָ מיין גלייכן טייל
פון וועלט'ס פאַרמעגן :
מיין חלק ערד, און הימלס בלוי
און זון און טוי און רעגן ;
אַלע אוצרות, אַלע גליקן פון דער ערד ;
פון אַליץ, פאַר אַלעמען דעם פולן ווערט
און רעכט צו גיין דאָ אומגעשטערט,
איבער אַלע וועגן.

ווער איז עס ד ע ר וואָס רופט זיך האַר,
אַז זיין איז ער דער שונא פונם לעבן !
וואו איז ער עס דער נאַר וואָס גלויבט,
אַז האַר איז הייליק
און יעדנס מי באַלאַנגען דאַרף צו איינעם.
אָ, ניין, עס וועט אַזוי ניט זיין !
איך גיב דאָ קיינעם ניט קיין רעכט אויף זיך
און אויף מיין לעבן — קיינעם !
איך וויל פון אַליץ, מיט אַלעמען, אַ גלייכן חלק.
איך וועל גיין און רעדן צו די שכנים
און וואָס מ'קען ניט טאָן אַליין,
דאָס וועט מען טאָן אינאיינעם . . .

דער רוף

עס האָט אין פֿייערדיקן זון־פֿאַרגאַנג
זיך אָנגעכאַפּט דער טייך.
עס האָט דער וואַלד זיך שׂריפֿה'דיק צעברענט,
און פֿון דעם וויַיך־באַגראָזטן טאָל
האָט זיך דערהערט איר לאַכנדיקער קול,
איר זינגענדיקער רוף —
דאַן האָט, ווי ברענענדיקער בראָנפֿן,
זיין האַרץ געטאָן אַ פֿלאַקער אויף;
עס האָבן צו דער וויַיטקייט זיך אַ צי געטאָן
זיינע מוסקולדיקע הענט,
און ס'האָט אַ זינג געטאָן באַ אים אין בלוט:
ע־עך, ווי גוט — עס איז צו לעבן אַף דער וועלט!

דאַן האָט פֿון אומעטום מיליאָנענדיק געברום
געטאָן אַן עכאָ אָפּ.
און ס'האָט אַזוי־פֿיל זיפֿצנדיקער וואוט
אין עכאָ זיך דערהערט:
עך — ווי גוט עס וואָלט ג ע ו ו ע ן צו לעבן אַף דער ערד!

האָט זיך אַ צינד געטאָן אַ בליק באַ אים אין זין —
עס וואָלט געווען? און איצט?
— איצט איז קאַמף אַף לעבן און אַף טויט! —
שרייט עמיץ אָן אין אים, אַף זיין פּלוצימדיקער פֿרייד;
ניט זון־פֿאַרגאַנג אַליין און ניט נאָר וואַלד און טייך,

און זינגענדיקער רוף פון מיידלש בלוט אין טאָל,
נאָר אויך דער קלאַנג פון שטאָל, פלאַקאַטן רוף און פאָנען
פלאַטערן און מאָנען האָפערקייט און מוט.
און דאָס פריידיקע געבררום באַ דיר אין בלוט
איז ענטפער אויך אַף מיליאָנענדיקן רוף —
פון הונגער־מאַרש און קאַמף
און פיקעט־לאַין —
שטיי אויף און גיי!

עס האָט אַ מורא׳דיקע קראַפט
אַ הויב געטאָן אים פון דעם אָרט,
אַ שטורמדיקן דריי געטאָן מיט אים,
און ריזיק גרויס האָט ער געטאָן אַ שפּרייט זיך אויס
איבער באַרג און וואַלד און טאָל;
און ווי ער וואָלט די פלאַמענדיקע זון
אַ נעם געטאָן אין זיינע הענט,
האָט ער צו שאַכט און תפיסה,
צו רויכנדיקער שטאָט, צו הונגער־לאַין,
צו דרייענדיקער ראָד —
אַ וואָרף געטאָן זיין פרייד־געשריי:
איך גיי! —

און ווידער האָט ווי רוישיק וואַסער־פאַל
זיך ווידער׳קול דערהערט:
עד, ווי גוט — עס וועט ערשט זיין צו לעבן אַף דער ערד...

מיינע אידן קריגן זיך מיט מיר

זי איז, ווייזט אויס, געוואוינט
פאַר אַלץ מיט אייגן לייב צו צאָלן
די שיינע מויד — דער נאַר;
אַז פאַר אַ מינדסטער זאַך
וואָס כ'האָב פאַר איר געטאָן,
פרעגט זי זיך ביי מיר,
צי זאָל זי גיין מיט מיר אַהיים — — —
און ווייל איך האָב זיך אָפּגעזאָגט
פון שכר, —
ברענען זיי דערפאַר —
די איד'ן מיינע — —

און אפשר האָב איך אין געיעג פון טאָג,
זיך אָפּגעזאָגט פון נאָך אַ בּיליק פאַרגעניגן,
אָדער צוויי —
נאָר סיי ווי סיי,
גייט אָן די קריגעריי, צווישן מיר און זיי,
פון קינדווייז אָן.
ווייל ווילן וויל מען אַלץ וואָס אויג דערזעט
און נאָר מען לעבט אין שרעק
פאַר האַר דעם שונא,
כאָטש בעט מחילה נאָך ביי אים,
פאַרוואָס ער נעמט פון דיר אַוועק
דיין חלק וועלט.

און ווייל איך פֿאָדער נאָר און מאָן און פֿרעג
און ווייל איך טייל דעם גורל פֿון דעם קלאַס
וואָס שאַפֿט און בויט
און לעבט אַליין אין הונגער און אין נויט,
זיינען זיי אויף מיר אין כעס —
די איד'ן מיינע.

און ווייל איך האָב פֿאַרוועדט
צו גיין אין וועג פֿון פֿאַלשן רום
און כ'זאָג זיך אָפּ
פֿון דרויסנדיקן גלאַנץ
און טאַנץ ניט מיט, אין נאַרישן ווירוואַר
און ווייל כ'בין שטרענג און גיב ניט נאָך
און א י ך בין דער וואָס זיגט,
זיינען זיי מיט מיר צעקריגט דערפֿאַר —
די איד'ן מיינע.

און איינמאָל
האָב איך גאָר דאָס בלומרשטדיקע גליק, דאָס גאָלדענע,
פֿון הויז אַרויסגעטריבן,
צוזאַמען מיטן הפקר יונג
וואָס האָט עס מיר געבראַכט . . .
אָט דאָס איז שוין געווען
דער לעצטער פֿונק אין פֿולווער־פֿאַס,
פֿון זייער האַס צו מיר.

דערנאָך
בין איך מיט אויגן אָפענע
געלעגן אין דער פינצטער
און פאַרנומען
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט,
ווי עס האָט די בייזע שנאה פון די איד'ן
זיך פאַרטייעט,
ווי אַ חיה פאַרן שפּרונג.

און מיטאַמאָל,
האָט איינער פון די איד'ן,
זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט,
אַ שפּרונג געטאָן צום שטריק
פון העכסטן טורם־גלאָק
און זיך גענומען אין דער לופטן וויגן,
מיט אַזאַ מאוים'דיקן וואָיענדיקן:
אוי — אוי — אוי — —
און באַלד נאָך אים
האָבן אַלע איד'ן
זיך אַ ריס געטאָן צו מיר
מיט שנאה'דיקע הענט,
און אַלץ וואָס האָט ביז איצט
געטליעט אין דער שטיל,
האָט זיך צעברענט
ווי אַ שריפה אין אַ שטורם ווינט.

און כ'ווייס אַליין נישט ווי אַזוי
עס האָט זיך אין מיין האַנט באַוויזן
דאָס גלאַנציקע כלי זין — — —

און אַלץ איז שטיל געבליבן . . .
נאָר קיינמאָל האָב איך נישט געהערט,
אַז שטילקייט זאָל אַזוי־אָ שרייען
ווי עס האָט די שטילקייט אַרום מיר געשריגן . . .
און כ׳ווייס דאָס נישט אַליין,
צי כ׳האָב אַרויסגעשיפּעט
דורך צונויפגעפּרעסטע ציין,
צי ס׳האָט אַן ווערטער נאָר געברענט
אויף מיין געהירן:
— א י ך װ ע ט ג י י ן אַ ה י ן ,
װ ו א ו א י ך װ ע ל פ י ר ן ! — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווייַנענדיקע, מידע,
זיינען זיי געבליבן ליגן
מיט די קעפּ אַרום די ברעגן פון מיין בעט,
און איינער פון די איד׳ן
האָט גערעדט:
אוי, ווי שווער עס איז אַזוי צו לעבן:
ביישטיין דעם נסיון פון דעם איצט
וואָס בליצט מיט טויזנט גליקן
פאַר די אויגן.
און לעבן נאָר מיט דעם,
וואָס איז נאָך ווייט אַוועק;
מיט דעם וואָס דאַרף ערשט קומען.
אָפּצוזאָגן זיך פון דעם געגאַרטן
ווען עס דורשט דיין גומען,
און וואַרטן — — וואַרטן — — וואַרטן — — —
אויף דעם וואָס וועט ערשט קומען . . .

און אַ צווייטער פון די איד'ן
האָט געקלאָגט:
עס ברענט אַ וועלט אין גייך
נאָך רום און מאַכט . . .
און יאָגט און יאָגט און יאָגט;
נאָך עפּעס שאָטנדיקס אַזוינס
וואָס מענטשן רופן גליק,
צי קאָנען מיר דען בלייבן שטיין
אין סאַמע מיט פון דעם געיעג
און זען ווי ס'פליט אַוועק
דאָס גליק פון ניט געלעבטע טעג און נעכט
און עפּעס ציט אַ ווייטע האַנט
די נעץ
פון אונטער דיינע טריט
און ציט דיך מיט
און קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל,
קערט זיך דאָך
דאָס לעבן ניט צוריק — — —

און אַ דריטער האָט געזאָגט:
איך ווייס!
עס איז דער איצט פאַר דיר אַ רגע נאָר,
אין קרייז פון אייביקייט . . .
דו האָסט דאָס לעבן דיינס צונויפגעוועבט,
מיט וועלט און מענטש און צייט און רוים
און האָסט דיין בליק געווענדט
צו יענער גרויסער פרייד

וואָס לויכט צו דיר פון ווייט
מיט זיכערקייט פון זיג,
מיט זיכערקייט פון גליק פאַר יעדן גלייך.
נאָר איך!
צי בין איך מער דען, ווי דער איצט?
אַ רגע נאָר וואָס טוט אַ בליק.
פאַר וואָס זאָל איך —
די רגע דיינע וואָס איך בין —
אומזיסט פאַרגיין? . . .

און איך אַליין, —
די ציין צונויפגעקלעמט.
די אויגן אין דער ווייט געווענדט.
בין לאַנג אַזוי געזעסן
מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט
און געהערט:
ווי עס וויינט מיט רעכט מיין אייגן פלייש און ביין
און שטרעקט די בלינדע הענט
נאָך דעם וואָס דאַרף און וועט פאַרגיין . . .

ס׳איז די וועלט די ליכטיקע מיר זייער געפעלן . . .

כ׳האָב ביי קיינעם ניט געפרעגט, צי כ׳זאָל געבוירן ווערן.
קיינער האָט מיך ניט פון יענער וועלט אַרויסגעטריבן.
כ׳האָב זיך וואוילע טאַטע־מאַמע אויסגעקליבן,
און דאָ געבליבן.

כ׳האָב ביי קיינעם ניט געפרעגט, צי כ׳זאָל געבוירן ווערן.
אומגעיין וועל איך אויף דער ערד דאָ, וויפיל איך וועל וועלן.
ס׳איז די וועלט, די ליכטיקע, מיר זייער געפעלן —
זייער געפעלן.

קומט דער האַר, דער שונא און ער מאַכט דאָ אַלעם
קאַליע —
דאַרף מען העלפן דאָ, די מענטשן־קינדער, אים פאַרטרייבן ;
דאַמאָלס, וועל איך אפשר דאָ אויף שטענדיק בלייבן —
יאָ, כ׳וועל בלייבן. . .

טאָמער נישט, איז ווען עס וועט מיר דאָ די וועלט דערעסן,
זיינען דאָך אַזוי פיל שיינע וועלטן נאָך פאַראַנען.
פּאַק איך מיינע זאַכן איין און מאַרש פון דאַנען.
מאַרש פון דאַנען . . .

זיי ווייסן נישט דעם זין פון לעבן

זיי ווייסן אַלע חכמות
און אַלע שפּראַכן קענען זיי.
זיי מעסטן אויס די ווייטסטע ווייטן,
און די פאַרבן פון דעם רעגנבויגן
טיילן זיי פאַנאַנדער . . .
זיי מאַכן נאָך דאָס בלאַט פון בוים,
דאָס העלע ליכט, דעם מאַטן שיין,
און פליען אום, ווי פייגל אין דעם רוים —
נאָר דער זין פון זייער לעבן
בלייבט פון זיי פאַרהוילן —
און דער זין —
פון זייער קומען און פאַרגיין . . .

זייער וועג איז קורץ און זיכער,
און אַלץ וואָס ווערט פון זייער האַנט געבויט,
איז שטאָל און אייזן.
און איך —
צי וויים איך מער דען ווי דעם סוד,
וואָס כ׳האָב באַנומען,
אין דער שעה פון מיין געבוירן ווערן :
— אַז דאָס אויפגיין און פאַרגיין
אַז דאָס בויען און צעשטערן —
איז דער וועג וואָס פירט צום ווערן ?

זייער טאָג, איז שווערער יאָך.
זייער וואָך איז לאַנג און גרוי
און דאָס גאַנצע לעבן זייערס —
איז אַן אויגנבליק — —
זייער גליק און זייער יום־טוב,
איז געגליכן צו דעם שיין
פון פאַררויכערטן לאַמטערן...
און איך —
איך וואָלט קיין רגע
נישט געקאָנט דאָ זיין מיט זיי,
ווען כ'וואָלט נישט לייענען
אין דעם גראָז און אין די שטערן,
דעם זין פון יעדנס זיין,
און אויך פון מיין געבוירן ווערן...

אייביק איז דאָס גוטע

(ביים אָרון פון מיין טייערן פריינט און חבר דר. גודמאַן)

האָסט אוצרות גוטס מיט זיך געבראַכט
און זיי צעטיילט.
דו האָסט געהיילט די וואונד פון קראַנקן
און זיין געמיט געזונט געמאַכט.
דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט פון לויב,
וואָס האָסט פאַרדינט
און ניט דערוואַרט קיין רום —
ווי עס וואַרט ניט פאַר קיין לויב און רום
די זון וואָס שיינט,
דער בוים וואָס גרינט און בליט.

ניט מיט טרערן און געוויין,
נאָר מיט צאַרטן צער, ווי דופט פון צוויט
און הערצער פול מיט שכר און לויב
שטייען מיר, די קעפּ געבויגן
אַרום דיין אָרון.
דו ליגסט מיט צוגעמאַכטע אויגן,
און דער שמייכל דיינער, דאַכט זיך, זאָגט:
ווי גוט עס איז דעם גוטן
אין אַלעם וואָס ער טוט
דורך די יאָרן פון זיין לעבן;
אפילו ווען ער רוט אין שלאָף אין אייביקן
איז אים גוט.

דערפֿאַר וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב

דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב,
זינגען מיר דאָס געזאַנג פֿון דער פֿולער זאַנג,
דאָס ליד פֿון הייפּטל־קרויט און ברויט און ווייַן;
דאָס געזאַנג פֿון צייַט און רוים און גאַנג פֿאַראויס,
דאָס פֿראָפּעלער־ליד פֿון פֿליגל־פֿלי,
דאָס ליד פֿון מי און הימל־בלוי און מאַי.

דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב,
זינגען מיר דאָס געזאַנג פֿון מענטש און טאַט,
דאָס ליד פֿון שוך און קלייד און וועבעריי;
דאָס ליד פֿון דעם, וואָס טוט און שאַפֿט.
און ווייל ס'איז ער, וואָס ליידט אין נויט פֿאַרשקלאַפֿט,
וועט ער דער וועלט'ס באַפֿרייער זיין.

דערפֿאַר, וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב,
שטעלן מיר זיך קעגן נויט און שקלאַפֿעריי;
קעגן יעדן שר פֿון טויט און האַס,
און ווייל מיר זיינען קינדער פֿונעם אַלטן פֿאָלק
און אויסגעפּרופֿט אין צער און וואָגל־פּיין,
זינגען מיר דערפֿאַר, דאָס געזאַנג פֿון אַ נייער וועלט.

II

לידער פון דערוואַכונג

איך בין אַרויס דעם העלן טאָג באַגעגענען

ערשט, האָב איך פֿאַרנומען אין געריוש פֿון גאַסן
אַזוי פֿיל פֿריילעכע אַקאָרדן,
וויפֿל גלויבן, וויפֿל האָפֿענונג אַף גליק —
אין גאַסיקן געיעג און טומלדיק כאַאָס;
און מיטאַמאָל האָט מיך באַפֿאַלן
אַזאַ טעמפּ פֿאַרדראָס,
ווי כ'וואָלט געאַרבעט היינט ביי פֿאָרדן,
צי כ'וואָלט אין ב ר י ג ס געאַרבעט היינט פֿון שטיק — — —

עראָפּלאַנען אונטער ליכטיק־בלויע הימלען;
עס רוישן די פּראָפּעלערס —
מיט ליד פֿון צוזאָג.
מיין קאָפּ, פֿאַררישענעם צום זוניקן זעניט,
ווער האָט אַ בויג געטאָן אַראָפּ
צו בלוטנדיקע טריט,
צו נויט, וואָס ברומט אַרוים פֿון קעלערס
אין שטומען כעס, פֿאַר צוגערויבטער מי.

מיט בליק געווענדט צום הימלס בלוי און עמעראַלד,
מיט טאַנצנדיקע טריט אַף שמאָלער סטעזשקע,
בין איך אַרויס דעם העלן טאָג באַגעגענען,
זיינען אַנגעקומען מיר אַנטקעגן שוואַרצע קוימענעס און ווענט
און ס'האָט אַ שלאָג געטאָן אַף מיר

פון מיליאָנען פּנים'ער און הענט
מיט ניט־דערברענטער האַלעוועשקע,
מיט מענטשן־קראַפט צעשמאָלצענע אין גאָלד.

מענטשן־קראַפט, צעשמאָלצענע אין גאָלד,
פאַר רייכע הערן און מילאָרדן. —
פון שוויים און רויך קויטיק איז דער הימל'ס בלוי
און אויסגעפלעקט מיט בלוט און סאַזשע איז די זון;
מיט וויפל מי און אַרבעטער־געראַנגל
עס ריטשעט דער טשוגון!
מיט חוזק און מיט הפקר'דיקן מאָרדן,
מיט קעמפער־בלוט פאַרגאָסענעם אַף פרימאָרגנדיקן טוי —

האָט אויפגעוואַכט אין מיר די קאַמף־לוסט פון באַרויבטן.
מיט געוויש פון טויזנטער מאַטאָרן —
האָט צו דעם אונטערדריקער אויפגעברויזט אין מיר דער האַס.
אין פייערדיקן אייזן־גאַס, אין לאַווע־פלאַם געהילט,
האָב איך דעם שוויים פון אָפּגענאַרטער מי
אַף מיין אייגן לייב דערפילט — —
האָט אויפגעוואַכט אין בלוט ביי מיר מיט צאָרן
און מיט לייבן־ברום דאָס באַוואוסטזיין פון מיין קלאַס.

CAN'T YOU SEE?

אויפן שוועל פון דעם וואָקזאַל האָט מיך באַגעגנט
אַ ליכטיקער פרימאָרגן.
און עפּעס האָט אין מיר זיך ווי גע'חידוש'ט און געפרייט זיך:
איז בין איך ענדלעך, הייסט עס, אין דער סאוט?
און ס'האָט אַלס ענטפער מיר
אַ יונגע זון אַ לאַך געטאָן אין פּנים,
מיין קאָפּ געגלעט און ווי צו מיר גערעדט:
די קומסט אַפּנים פון אַ קאַלטן געגנט?
מסתמא רעגנט דאָרט אַצינד און שנייעט,
עס מוזן דאָרט געווים די גאַסן זיין מיט שניי פאַרווייעט —
אָבער דאָ ביי אונז — איז וואַרעם! אַ יאָ, ס'איז וואַרעם?..

יאַ, יאַ, ס'איז וואַרעם. די זון שיינט העל,
און כ'פּיל גאָרניט אַליין, ווי שנעל איך שפּאַן און שפּאַן
אונטערן בלויען הימל פון דער סאוט.
ביז עס שטעלן מיינע פיס זיך אָפּ ביי אַ ראָג פון גאַס,
וואו ס'איז אַ „דזשיטני"־קאַר געבליבן שטיין.

עס שטייגן נעגער־לייט אַרוים, פּאַסאַזשירן צוויי,
אַ נעגער־יונג, — נאָך אים אַ יונגע נעגער־פרוי.
עס טוט אַ הויך אויף מיר מיט תמוז'דיקער זון,
מיט זאַפטיקייט פון ערד.
איך טו אַ טראָט אויף דעם געשטעל פון דזשיטני־קאַר
און וויל אַריין,
נאָר וואָס באַטייטן אָט די אויגן די צעשראָקענע?
וואָס קוקן זיי אַזוינע גרויס־פאַרוואונדערטע אַף מיר?

און וואָס פֿאַרצאַמט דער נעגער ביי דעם ראָד,
מיט דער האַנט, דעם וועג פֿאַר מיר,
ווי מיט אַ פּרענטע אייזן אויף אַ טיר? — — —

איך זאָג מיט חידוש און מיט כּעס:
— פֿאַרוואָס, זאָג, לאָזסטו ניט אַריין?
און ער — נישט רירעוודיק,
ווי אַ בער, אַ שווער־פֿאַרוואונדעטער, טוט אַ ברום־אַרויס:
— „יו קענ'ט קאַם אין"!
און איך — ווי נאַאיוו איך בין! איך פֿלאַקער־אויף:
דערקלער! וואָס איז דער מיין דערפֿון?
דאַן צינדן זיינע אויגן רויט זיך אָן,
ער טוט אַ בויג צו מיר אַ פּנים פֿול מיט האַס,
אַ פּנים — ברוין ווי בראָנז און דאַך, ווי בלאַס
עס איז געוואָרן!
ער טוט אַ שמייך אין פּנים מיר,
מיט שנאה, מיט שרעק און מיט געבעט:
— „קענ'ט יו סי, דהאַט יו קענ'ט קאַם אין?" — — —
ער טוט מיך לייכט אַ שאַר אַוועק,
פֿאַרקלאַפּט די טיר און פֿאָרט אַוועק — — — —

מיט אַמאָל האָב איך דערפֿילט דעם זין פֿון זיינע רייד.
עס האָט זיך אַלץ געטאָן אַ מיש ביי מיר אין קאָפּ
און ס'האָט אין בלוט געטאָן ווי קראָפּעווע אַ ברי:
„קענ'ט יו סי?"
יאָ, יאָ, איך זע — דאָס האָט ער,
אונזער האַר — דער שונא, אויסגעשפּרייט אַ נעץ

פון דערוויטערטקייט און האַס
צווישן מיר און ברידער פון מיין קלאַס.

איך בין אַצינד אַליין —
דער נעגער־שקלאַף, וואָס טראָגט ביי זיך אין בלוט
באַליידיקונג און שרעק — דורך דורות אָנגעזאַמלטע.
איך שטיי און הער: ווי די שקלאַפן־אייגנטימער
דינגען זיך פאַר מיר און פאַר מיין לייב
און קויפן מיך מיט ווייב און קינד
און טרייבן אונז אין אַרבעטס־צוואַנג.
עס קנאַלט די בייטש,
און לינטשער־באַנדעס רינגלען אונז אַרום.
עס שלייפט זיך אויס דער שלייף פון שטריק,
עס וואַרט דער בוים — —

— — — — — — — — — — — — — — —

און דו, פאַרוואָס האָסטו פאַרקלאַפּט די טיר אין מיין געזיכט
און ביסט אַוועק מיט אויגן ברענענדיק פון כעס,
צו מיר, דיין ברודער פון דער זעלבער נויט!
און האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן מיר און דיר,
וועלן מירביידע האַנט־איך־האַנט די וואַנט צעברעכן
און פאַרווישן יעדן צייכן וואָס צעטיילט אונז ביידן
און פאַרמישן זיך מיט לייב און גייסט
און פאַרב פון אונזער ביידנס הויט,
אין קאַמף קעגן אונזער שונא
אויף לעבן און אויף טויט
פאַר אונזער פרייהייט.

דו ריז, דו נאַר!

פאַר וועמעס טיר האָסטו געלעגט די גאָלדענע שוועל?
דו ריז, דו נאַר!
פאַרן רייכנס טיר
האָסטו געלעגט די גאָלדענע שוועל
און הינטער זיינע פיס געשפּרייט
די ליבן־פעל
וואָס האָסט געבראַכט פון געיעג־געפאַר,
דו ריז, דו נאַר!

וואָס פירסטו וייב און קינד אין מאַרק צום לוין־פאַרקויף?
דו ריז, דו נאַר!
און דו אַליין,
וואָס מיסטו זיך פון פרי ביז שפּעט,
אַז סיידוי האָסטו ניט קיין ברויט צו זעט —
אויפן לייב קיין קלייד,
און ניט פון דיינע פענצטער
זינגט אַרויס די פרייד,
דו ריז, דו נאַר!

פון דיינע פענצטער וויינט אַרויס דער עלנט און דער צער,
ווייל דו ביסט בלינד
צום ליכט פון טאָג,
וואָס קושט דעם שטויב פון דיין שויב
און רופט צו דיר, און מאָנט און בעט:

„מאַך־אויף דיין ברעם און זע:
אויף אוצרות טרעטן דיינע פיס
און ס'לעבן שלאָגט אומזיסט אָן דיינע גרויע ווענט,
שטרעק אויס די הענט און נעם!
ס'איז אַלץ פאַר דיר!

— — — — — — — — — — — — — — —

פאַר וועמענס טיר האָסטו געלעגט די גאָלדענע שוועל?
דו ריז, דו נאַר!

דאָס ליד פון אויפגעוואַכטן ריז
צו זיינע ברידער

דער האַר איז אונזער שונא.
ער איז שלעכט און כיטרע
און אַלע טאָג געפינט ער נייע וועגן,
אונז די אויגן צו פאַרבלענדן.

דורך דורות פון ניט זיין דאָ,
האָבן מיר אָנגעזאַמלט כוחות.
איצט אַרבעטן מיר.
פון פרי ביז נאַכט און דורך די נעכט
און יעדן טאָג און יעדע נאַכט;
פון אונזער בייזער נויט באַוואַכט;
טראָגן מיר בערג אין די טאָלן אַריבער,
וועלדער האַקן מיר אוים
און מיר בויען אוים שטעט,
בריים־צעוואַקסענע און הויכע,
אין די הימלען אַריין.
מיר מאַכן פרוכטבאַר די ערד.
מיר אַרבעטן, מיר מיען זיך.

וואָס־זשע טוען מיר פאַר זיך?
וואָס־זשע האָבן מיר דערפון?
פאַר זיך, מאַכן מיר פינצטער די זון.
פאַר זיך, איז נישטאָ קיין היים און קיין ברויט

און אויף אונזער אייגן לייב די הויט
איז אויך ניט אונזערע.

דערפאַר וואָס מיר זיינען אַזוי פיל אין צאל,
צעטומלט אונז דער האַר
און רייצט אונז איינעם אויפן צווייטן אָן.
מיר ווייסן מער שוין ניט אַליין,
צוליב וואָס מיר בויען און צעשטערן
און שמידן אין קייטן — דעם אייגענעם ברודער,
און וואַרפן אים אין טורמע־צעל
און זיינען גרייט דעם נאָענטסטן צו טויטן,
אויף דעם האַר'ס באַפעל.
נישט מיר פרעגן און נישט מיר ווייסן,
פאַר וואָס, פאַר ווען,
מיר וואַרטן נאָר, דער האַר זאָל הייסן . . .

דער כיטרע האַר באַפעלט און הייסט . . .
ער האָט אַזוי זיין מעכטיקע סיסטעם
אויף דעם געבויט.
נאָר מיר זיינען אומגעהייער פיל אין צאָל,
און כוחות האָבן מיר אַ סך.
און זינט איך האָב פון הינער־פלעט דערוואַכט,
האָב איך דערזען, ווי דאָ און איבעראַל,
האָבן טויזנטער אַזוינע די אויגן אויפגעמאַכט . . .
דער שונא איז ברוטאַל און בייז.
ער ווייסט, אַז ווען די ברידער מיינע
עפענען די אויגן אויף —
איז דאָס דער אָנהויב פון זיין סוף.

ערב נייע צייט

(פּאָעמע)

I

דאָס ליד פון דעם וואָס האָט געוואָלט גיין באַזונדער

אייערע טעג, די נישט־געלעבטע, די אָפּגענאַרטע,
פאַרצאַמען מיר דעם וועג,
פאַרשטעלן מיר דאָס ליכט פון מיינע אייגענע טעג.
אייער ניט־געגאַרטע פרייד
האָט איר אין גאַס אַרויסגעטריבן,
צום שאַנד־פּאַרקויף —
און וואו איך זאָל מיין טראָט נישט ווענדן,
וואָלגערט זיך אין שטויב צעטראָטן —
אייער רעכט.

עס האָט זיך אייער גורל, ווי אַ הונט אַ קרעציקער,
פאַר מיין שוועל געלעגט
און ויפל מאָל איך טרעט מיין שוועל אַריבער,
באַגעגנט מיך אַ בליק, וואָס בעט און פרעגט
און פאָלגט מיך נאָך דורך מיינע טעג און נעכט
און מאָנט פון מיר דעם חשבון פאַרן לעבן,
וואָס איר פאַרשוועכט . . .

איך וואַרף פון זיך אַראָפּ דעם יאָך
פון אייער אונטערטעניק לעבן,
און קעגן אַלץ וואָס איר זיינט אונטערטעניק,
ווידערשפעניק איך!
זאָל הערשן איבער אייך —
ווי עס הערשט כסדר איבער אייך און קעניגט
ווער ס'איז אומגערעכט צו אייך און שלעכט!..
איך וועל זיך אויסבאַהאַלטן פון מיין אייגן מזל,
אַ וואַנט אַ שטומע, וועל איך מויערן צווישן מיר און אייך!
איבער שטעגן פרעמדע און פאַרהוילענע,
וועלן צו מיר קומען און אַוועקגיין —
מיינע אייגענע טעג און נעכט...

וואו־זשע זאָל איך זיך פון מיין גורל אויסבאַהאַלטן,
אַז מיין אייגן האַרץ, מיין אייגן בלוט, איז קעגן מיר
און אומגעטריי איז מיר מיין אייגן טראָט,
אַז איבער וויפל וועגן כ'זאָל נישט זוכן
אנטרינונג צו מיין אייגן גליק,
פירט מיין אומגעטרייער טראָט צוריק
צום גורל פון די קנעכט — — —
שלעכט!
איך האָב אומזיסט געטאָן מיין אייגן לעבן לייטערן
דורך טרערן און דורך פיין,
אַז סיי־ווי־סיי וועל איך זיך שוין פון אייך
קיינמאָל נישט דערווייטערן
און אייביק וועט מיין לעבן זיין מיט אייערן פאַרבונדן...

II

דאָס ליד פון אומגעדולד

שלעפּן מיר די שווערע קייט,
טראָגן מיר די שווערע לאַסט,
קנעטן ליים און האַקן שטיין
און מויערן און בויען.
דרייען זיך אין קאַראַהאָד פון גרויע שאָטנס,
אין די הויכע ווענט פון תפיסה.
און הערן צו אַזוי כסדר,
ווי עס ציילט דער זייגער אויס די שעה׳ן
פון די טעג און נעכט,
און פון זייגער׳ס אומרו טריפן טראָפּנווייז די רגע׳ס.

שלאָגט דער זייגער אויס די שעה׳ן פון די טעג
פאַר אַ טויבער וועלט, וואָס האָט מיט הויכע תפיסה־ווענט
פאַר זיך אַליין — פאַר זיך אַליין די זון פאַרשטעלט . . .
און האָט מיט פלייש און ביין, מיט יעדן גליד,
זיך איינגעמויערט, איינגעשמידט,
אין אייזן און אין שטאָל.
און וויינט אַצינד אַרויס פון יעדן שטיין
און ריטשעט ווילד מיט קולות פון משוגעון
און זעט שוין ניט דורך אייגענעם שגעון
ווי עס שלאָגט דער זייגער אויס אומזיסט
די שעה׳ן פונם לעבן . . .

שלאָגט דער זייגער אויס די שעה'ן פון די נעכט,
פאַר דעם שלאָפנדיקן אַרבעטס־מענטש, דעם קנעכט,
וואָס האָט אַרומגעשלעפּט דעם טאָג אויף זיינע פּלייצעס,
ווי עס שלעפּט אַ פערד דעם וואָגן לאַסט, פאַר אַ קאַרגן באַלעבאָס.
געשלעפּט — דערשלעפּט,
און עס האָט דער משא־טרעגער פון דער וועלט
אַ מאָל געטאָן צום נאַכטיקן געלעגער
ווי עס פאַלט אַ שטיין אין גראָז . . .
און ווי טראָפּנס רעגן, טריפנדיק אויף גלאָז,
טריפט אַזוי דאָס לעבן זיינס אומזיסט, פון זייגער'ס אומרו.

הער אויף צו טריפן דיינע רגע'ס אַף מיין קאָפּ,
דו אַלטער סקריפּנדיקער זייגער!
הער־אויף צו ציילן דיינע רגע'ס,
אויף דיין אַלט־קמצנות'דיקן שטייגער
און מיר — די צוגעשמידטע צו דעם וואַל,
זאָלן דרייען דאָ דאָס ראָד —
און שלינגען דיינע טריפנדיקע טראָפּנס גאַל,
מיט דעם פאַרדראָס צוזאַמען.
וואַרטן דאָ פאַרקנעכטע,
ביז דו וועסט זיך אַזוי קריכנדיק דערשלעפּן
צו דער רגע, ווען ס'קומען דער גערעכטער
אויסצוטיילן יושר.

העי! איך וועל אַזוי־אָ מיט די פויסטן נעמען שלאָגן
אויף דעם טעלערדיקן פּנים דיינעם,

ביז די ווייזערס דיינע ווערן
אין אַ ווילדן ראָד זיך נעמען יאָגן . . .
אַט אַזוי־אַ ! . . שנעלער ! . . שנעלער ! . . שנעלער ! . .
פאַר די אויגן שווינדלנדיקע קרייזן . . .
און די שעה׳ן שלאָגן — — שלאָגן — — שלאָגן — —
ווי עס וואָלט אַ פערד זיך ווילד צעטראָגן,
איבער אויסברוקירטע וועגן — עמיצן דעריאָגן ; . . .

ווילד די פערד, די גריוועס — פייער !
מיר — די רייטער ! . .
טראָגן מיר זיך צו דער ווייטער צוקונפט,
און מיר צינדן אויף די וועגן
צאַם און תפיסה, תליה־בוים און דאָרן,
קומען ווינטן און צעווייען אונזער פלאַם ! . .
הערט זיך שוין אין לופט דאָס קרייען
פון דעם רויטן האָן ! . . .

III

דאָס געזאַנג פון ברענענדיקע תפיסות

אָט אַזוי! ווי עס פלאַקערט טרוקן שטרוי
אין אַ נאַכט פון ווינט און קעלט,
ברענט די תפיסה, דאַך און ווענט!..
אַלץ וואָס האָט פאַרצאַמט, פאַרשטעלט,
פלאַקערט איצט און ברענט
אין דעם פייער פון דער וועלט...

נעמט אַוועק די הענט פון פייער!
קיינער זאָל נישט ראַטעווען! נישט לעשן!
מיט די פלאַמען — דאַך און שוועלן!
מיטן פונדאַמענט צוזאַמען זאָל עס ברענען!
ווי צו יענעם וואָס וועט וואַגן זיך צו שטעלן קעגן פייער!
הייליק איז געווען זיי אַלץ און טייער
אין די הויכע תפיסה־ווענט, —
אונז איז הייליק איצט דאָס פייער —
נאָר דאָס פייער, וואָס פאַרברענט!..

פון אַלטן סדום די בעטלעך
זיינען נאָך ביז איצט צעשטעלט
אין די ענגע תפיסה־ווענט, —
איצטער ברענט!
איצטער ברענט!
איצטער ברענט!

און הייליק איז דאָס פייער
וואָס פאַרטיליקט, וואָס פאַרלענדט
אייער שטאָם —
הייליק! הייליק! הייליק!
איז דער פלאַם פון אונזער פייער.

אייער הערשאַפט איבער אונז
און דעם שווערן יאָך,
וואָס האָט אונז אונטערטעניקט און פאַרקנעכט—
האָט איר פאַרהייליקט.
און אונזער הייליק לעבן האָט איר פאַרשוועכט!

אונזער פיין האָט איר ווי וויין ווי הייליקן געגאָסן
און פרום האָט איר געקוויקט זיך מיט די ריחות
פון אונזער ברענענדיקן לייב —
איצט ברענען אייערע מזבחות,
די טמא און די טריפה,
זינגען מיר דאָס ליד פון שריפה.
באַשווערן מיר די פלאַמען און מיר בעטן,
שפרייט זיך,
שפרייט זיך,
שפרייט זיך
איבער אַלע תליה־ביימער,
איבער אַלע תפיסה־דעכער;

אַף די אויסגעשפּרייטע פליגלען
נעמט אונז, פלאַמען!
הויבט אַרויף אונז איבער צאַמען,
הויבט אַרויף אונז
העכער!
העכער!
העכער!
אַף דער העכסטער הויך,
ווי אַ פלאַטערדיקע פאָן!
ווי אַ פייערדיקער האָן
מיט זיינע פליגלען
וועלן מיר אַ פּאַטש טאָן,
און זיך בשורה'דיק צעזינגען:
מיר זאָגן אָן —
מיר זאָגן אָן
מיר זאָגן אָן
אַ נייע וועלט!

אַ בריוו פון היים־לאַנד

עס שרייבט פון סאָוועטן־לאַנד אַ חבר:
אַלעס האָבן מיר דאָ אָנגעהויבן פון דאָס ניי —
אויף אייביק איז צעשטערט דאָס אַלטע און פאַרלענדט,
ווי פייערדיקע פייגל פלאַטערן די הענט
אין ליכטיקן געבוי פון נייעם;
און וואויל צו דעם, וועמען ס'איז באַשערט
צו זיין דאָ פון די ערשטע בויער,
און כאָטש מיר זיינען דורכגעגאַנגען
דורכן שאַרף פון שווערד
און פייערדיקן פיין —
איז אַלץ כדאי!
ווייל מיר האָבן אָנגעהויבן דאָ פון ס'ניי
דאָס גאַנצע לעבן איבערבויען.

און דאָס וואָס דו פרעגסט,
צי האָבן מיר ברויט צו זעט,
אַ הויז צו באַשיצן אונז פון קעלט,
צי האָבן מיר אַ שוך, אַ קלייד, אַ בעט? —
זאָג איך דיר, אַז מען פאַרגעסט
אין הונגער און אין פרעסט
און האָסטו יאָ אויפן לייב אַ קלייד, צי ניין,
די פרייד פון בויען — און בויען נישט פאַר זיך אליין —
איז מער פון גליק און אייביקייט און צייט:
וואָס פאַר אַ באַטייט

האָט ברויט און פיש און פלייש און טאָרט
און אַלע פאַרגעניגנס און קאָמפאָרט,
אַנטקעגן דעם באַוואוסטזיין,
אַז דער פיין און טיפער טרויער
פון דורות לאַנג אונטערדריקט זיין,
און אַלץ, וואָס איז געווען צעפליקט, צעריסן,
און איינס פון אַנדערן דערווייטערט —
האָט זיך צונויפגעשמאָלצן און געלייטערט
אין דעם פייערדיקן גלויבן;
אַז דער אַרבעטער און פויער
איז דער בויער פון אַ נייער וועלט.

יובל

צו חבר מ. אלגין

1

איך הער דאָס ליד פון שאַלנדיקן מעש,
דאָס שטראַלנדיקע ליד פון יובל און טראָמפּייט.
עס האָבן אַלע זיך פון יום־טוב שוין דערוואוסט.
מען גייט ! מען גייט !
מען קומט פון אַלע גאַסן אָן,
פון אַלע שטעט.
עס שטראַלן אויגן אויף מיט פרייד
און איינער צו דעם צווייטן רעדט
אַזעלכע גוטע, אַזעלכע יום־טוב׳דיקע רייד.

איך הער אין לופט דעם רוף פון יום־טוב ליד,
עס שטרעקן זיך אין זוניקן געבלענד
מיליאָנען שפּע׳דיקע הענט.
עס האָבן פירער׳ס קלוגע רייד,
זיין בליק, זיין טהאַט,
צעוואַקסן זיך, צעבליט.
עס ברענגען אים די מאַסן איצט צוריק
פאַר יעדן טראָפּן פרייד,
אַ ים מיט גליק.

די פראָסטע רייד פון קאַמף און רעכט

עס האָט דער האַר — דער שונא פון דער וועלט
זיך געשטעלט מיט זיינע פים אויף אונזערע העלדזער:
פלעגט מיין טאַטע
גראָבן מיט דער נאָז די ערד. פאַרן שטיקל ברויט,
און געהאַלטן אין איין שיקן קוויטלעך צו דעם בעלדזער
ער זאָל אים העלפן; — ווייל ס'איז אים שלעכט!
און דורך די נעכט —
האָט ער געזוכט אין ספרים הייליקע,
דעם שליסל צו דעם „אָנהויב און דעם סוף".

און איך, זיין זון,
איך האָב פאַרקויפט מיין טאָג צום האַר פאַר ברויט
און כ'האָב געוואוסט,
אַז עפּעס איז אין לעבן שלעכט;
האָב איך דורך נעכט געזוכט אַ טרייסט,
אויף מיין אומזיסט־פאַרגאַסענעם שוויים,
אין קלוגע רייד פון קינסטלער־פילאָזאָפן.
און מיין פאַרדראָס האָב איך געשטילט
מיט לידער פון אייביקייט'ס „אין־סוף'ן".

ביז איך האָב אַמאָל, אויף פּיקעט־ליין
פון סטרייק און הונגער־מאַרש,
געהערט די פּראָסטע רייד פון קאַמף און רעכט.
און האָב אויף דעם פּלאַקאַט דערזען:

— „מיר פֿאַדערן, מיר מאָנען!"
דאַן האָב איך זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין
און פֿאַר אַזוי פֿיל ביכער אין די ביבליאָטעקן,
וואָס פּוצן אוים און דעקן צו דעם רויבער־קלאַס
און הילן אין אַ ווערטער־נעפּל איין
דאָס אומרעכט פֿון דער וועלט.

האָב איך אין האַנט גענומען אַ פּלאַקאַט
און אָנגעשריבן:
„קעגן האַר, דעם שונא פֿון דער וועלט!"
כ'האָב זיך געשטעלט אין ריי פֿון די באַרויבטע
און האָב דאָס לעבן מיינס מיט זיי פֿאַרבונדן,
דורך דער פּאַרטיי, וואָס פֿירט דעם מאָנער־קלאַס,
אין קריג, פֿאַר יושר און פֿאַר רעכט.

III

מאָנער־צייט

מאָנער־צייט

זאָל זיך בטלן וויגן צו דעם ניגון פון: משיח הייליק. הייליק.
זאָל דער חלוש ליגן אויפן קראַנקן בעטל שטיל, געדולדיק.
מיר, די מאָנער, וועלן מאָנען אַלץ וואָס מ׳איז אונז שולדיק,
מיר, די אָפּגענאַרטע, וועלן גיין אין קאַמף פֿאַראייניקט.

ווער ס׳איז שטיל און אונטערטעניק, צופֿרידן איז מיט ווייניק,
דער באַרימט זיך שטענדיק, אַז ער האָט פֿון גאָט דעם אָנבליק . . .
מיר דערשלעפּן צו דער טיר פֿון רייכן אונזער נויט און אומגליק.
מיר, די מאָנער, פֿאָדערן און מאָנען אונזער גלייכן חלק.

איינעם אַלץ און פֿילע גאָרניט, שרייבן פֿאַרן רייכן זיינע געטער.
„מעג" און „טאָר ניט" אויסגעמעקט זאָל ווערן פֿון געזעץ־בוך׳ס אַלטע בלעטער!
מיר שרייבן אייגענעם געזעץ, מיט רויט אויף פֿלאַטערדיקע פֿאָנען . . .

ס׳האָט די שעה געשלאָגן, אויפֿצומאָנען אַלץ, פֿאַר פֿריער, פֿאַר איצט, פֿאַר שפּעטער.
ס׳איז מאָנער־צייט, און ווער עס מאָנט נישט איצט, איז ווען־זשע וועט ער?
ווער עס איז געקריוודעט נאָר, זאָל קומען איצט מיט אונז און מאָנען.

פראָטעסט־דעמאָנסטראַציע

מ'האָט פאַר אונז די שטאָט ניט אויסגעצירט מיט פאָנען,
מ'האָט פאַר אונז דעם גאַס־פאַרקער ניט אָפּגעשטעלט —
ווי רוישיק וואַסער שטראָמען מיר און מאַכן זיך אַ וועג.
מיר רייסן מיט און שפּאַרן דורך, דורך אויפּרים און דורך
שפּאַלטן. —
ווער קען אונז פאַרהאַלטן!

עס האַט דער האַר — דער שונא זיך פאַרטייעט צו פאַרצוקן.
מיר שלאָגן אָן מיט הויכן רוף, אָן זיינע טויבע ווענט.
מיר צעשיקן דורך טונעלן, שאַכטן, בריקן און פאַבריקן,
אונזער אָנזאָג. און ער טראָגט זיך שנעלער פון די שנעלסטע
עראָפּלאַנען —
מיר קומען אייך דערמאָנען!

מיר קומען אייך דערמאָנען, מיטן אויפשריפט אויף
פּלאַקאַטן.
יעדער רוף און אויסרוף איז צו אייך אַ סאַמאַנס.
לאַנג וועט איר זיך פון די סאַמאָנס־טרעגער ניט באַהאַלטן,
עס שיקן איבער קעפּ פון פּאָליציאַנטן און דראַגונער
אַ וואַרענונג, די מאָנער!

און כאָטש איר האָט פאַר אונז פאַרשטעלט די גאַסן און
פאַרריגלט —
אין סקווערן אָפענע געפּראַוועט ווערט דער משפּט היינט.
עס איז דער אורטייל איבער אייך גע'חתמ'עט און פאַרזיגלט
און טראָגט זיך איבער שטעט און דערפער שוין, איבער
בערג און טאָלן —
איר וועט פאַר אַלץ באַצאָלן!

מיר, די מיליאָנען

אונזערע שונאים,
זיי האָבן די מאַכט,
און זיי האָבן מיליאָנען.
און מיר —
די מיליאַנען וואָס האָבן דערוואַכט
האָבן הענט צום אַרבעטן
און אַ וואָרט אַזאַ
וואָס ברענט אין אונזער בלוט
און איז מעכטיקער פון גאָלד —
רעוואָלט!

די רייבע, די לאָרדן,
זיי רויבן אונזער גוטס
און מאָרדן אונז פריי
ס'איז אונזער בלוט וואָס טריפט
פון זייערע פעטע פינגער.
נאָר מיר —
מיר וויינען ניט, און ניט מיר טרויערן.
עס קלינגט שוין אונזער ליד
אין די אויערן פון די רייבע.
עס קאָכט, עס זידט,
ווי אין קעסלען דער דאַמף —
קאַמף!

אומגערעכט און שלעכט
איז אונזער האַר,
רויב איז זיין גאַר
און מאָרד איז זיין לוסט.
דערפאַר ברענגט ע ר אַליין
זיין שטראָף אויף זיך,
זיין אונטערגאַנג — זיין סוף.

און מיר, די מאָנער,
מיר גרייפן אָן.
אונזער פאָן — גערעכטיקייט!
אונזער וואַפן —
הענט וואָס מיען זיך,
וואָס שאַפן
די בריק צום לעבן!
הענט, וואָס גיבן דער וועלט,
מיט ליבע און טרייהייט —
פרייהייט!

הונגער־מאַרש

דער האַר, אונזער שונא, פאַרוועדט אונז
צו גיין אויף דער ערד
וואָס ער האָט פון אונטער די טריט אונז געדרויבט,
ווי ער רויבט צו דאָס ברויט,
וואָס מיר האָבן געזייט און געשניטן;
ווי ער רויבט צו די היימען,
וואָס מיר האָבן געבויט.

עס טרייבט אונז די נויט און דער הונגער.
מיר גייען דורך רעגן און שנייען,
דאָך ניט מיט געוויין און געשרייען.
מיט מוזיקע לידער, אין טויזנטער רייען,
פון קלאַסן־באַוואוסטזיין געפירט . . .
מיר האָבן די נויט און דעם הונגער —
מיט פאָנען באַצירט.

און שיקט אונז דער האַר — אונזער שונא,
די בלוט־ הינט אַנטקעגן,
ער וועט אונז דעם וועג ניט פאַרשטעלן.
מיר קומען מיט טויזנטער וועגן.
מיר האָבן אַ רעכט אויפן לעבן.
עס שרייבט זיך אויף אונזערע פאָנען:
מיר קומען ניט בעטן — מיר מאָנען!

קעניג־פאָרד

לאַנד און טייך און רעלס און באַן,
סאַפּענדיקער פּאַראַוואַז, שלעפּנדיקע באַרזש,
דער עראָפּלאַן אין לופט —
אַלץ באַלאַנגט צו קעניג פאָרד.

מאַנסטער־קוימענס רויכערן
און שפּייען צו די הימלען:
פאָרד — פאָרד — פאָרד — פאָרד.
דינע, לאַנגע פאַרע־רערן
וואַרגן זיך מיט ריטשעדיקן קוויטשען:
אַ־ל־ץ — ב־אַ־ל־אַ־נ־ג־ט — צ־ו —
ק־ע־נ־י־ג — פ־אָ־ר־ד.

איבער ברודנעם, כמורנעם, ריווער־רוזש
שלעפּן באַרזשעס שווערע משא'ס —
הערט זיך ווי פאַרדרוס אין זייער ברומען:
וואו — האָט — ער — דאָס — אַלץ — גענומען?
וואר־ד־ו? וואר־ד־ו?

זעצט מיט קנוילן פלאַם און רויך
פאַראַוואָזן־קוימען;
ווער—האָט—אים—דאָס—אַלץ—געגעבן?
ו ו ע ר? ו ו ע ר? ו ו ע ר?

אָט קומען זיי אַהער,
די טויזנטער!
אָט טרעטן זיי, אין אויסגעקרימטע שיך,

די פּנים'ער אין הונגער־נויט פאַרהאַרטעוועט,
פון פראָסט און ווינט פאַרבלויט,
ווי אָפּגעקילטער שטאָל.
דאָס האָבן זיי, פון גאָלדענעם פונדאַמענט
ביזן דימענט אין דער קרוין,
דאָס קעניגרייך געבויט.

זון און הימל אויסגעפלעקט מיט שווייס און סאַזשע
און איבערן ברייטן, שטיינערנעם וועג,
האָט פאַרד צעשטעלט,
ווי בלויע פּעסלעך דינאַמיט,
אַ לאַנגע ריי פּאָליציי וואָס היט
מיט קלאָב, מיט ביקס און האַנט־גראַנאַט
די טריט פון יענע, וועמעס מאָנער־ליד און רוף,
עס פּילט איצט אָן די לופט.

עס האָט זיך אויסגעמישט אין ווינט
געזאַנג מיט פלאַטערדיקן רויט
און ס'האָבן זיך צעבילט די וועכטער־הינט
קעגן די, וואָס האָבן אַלץ געבויט.
עס האָט אַ פּאַך געטאָן אין לופט
מיט שוואַרצן קרעפּ,
עס האָט די נאַכט געטאָן אַ שפּרייט
מיט סאַזשע און מיט רויך איבער קעפּ.
אין געראַנגל און געדריי, צווישן טאָג און נאַכט,

צווישן רויטן פאָר־געוויי,
געזאַנג, און שאָס נאָך שאָס,
אַ ציטער האָט געטאָן די ערשטע ריי,
און מאַסע האָט זיך כוואַליעדיק געטאָן אַ גאָס,
פאָראויס און דאַן — צוריק — —

— — — — — — — — — — — — — — —

איבערן בריק פון „בייבי־קריק"
הערט זיך דאָס שפאַנען
פון טויזנטער שווערע און זיכערע טריט
וואָס מאָנען, דערמאַנען
און זאָגן אָן:
מיר וועלן קומען צוריק!
מיר וועלן קומען צוריק!
מיר וועלן קומען צוריק!

באַ טויער נומער דריי
פון פאָרד־פאַבריק,
אַ טויטער ליגט
באַרנעט, פאָרד'ס בלוטיקער שפּיאָן.
ס'האָט נאַכט אַ ריס געטאָן פון זיך
אַ פאָלע, אַ צעטראָטענע,
און צוגעדעקט
זיינע אויסגעשפּרייטע פיס און הענט
און איבער אים, אויף הויכע קוימענעס און ווענט
האָט זיך אַ צינד געטאָן
און וואונדיק זיך צעברענט אין מאַטן־גלי:
„עף — אָ — אַר — די".

קעגן האַר דעם שונא

ע־עד, אַ שלײדער טאָן אַ װאָרט אַזאַ
מיט קראַפט פון מיליאָנענדיקע אָרעמס!
עס זאָל זיך טראָגן איבער ערד
מיט שנעלקײט פון אַ שטורם.

צעשפּרײטן פלאַם פון אױפשטאַנד
און אומעטום פּראָטעסטן צינדן, —
מיט פײערדיקן שאַרף אַ שניט־טאָן
אין אױג פון דעם פאַרפירטן־בלינדן!

אונזער װאָרט פון קאַמף צעשיקן
צו די אַרמײען, צו מיליאָנען:
אַ פײערדיקן שפּײ טאָן דעם שונא אינעם פּנים
זאָלן מײלער פון קאַנאָנען.

ע־עד, װי עס װילט אַלײן זיך װערן
דער שראַפּנעל, דער שטורם־יאָג,
דער בליק־און־דונער אינעם שטורם,
װאָס זאָל דעם שונא טױט דערשלאָגן.

איך הער דיין קול, וואָלט וויטמאַן

ווער זיינען עס די טויזנטער — וואָלט וויטמאַן,
וואָס קומען מיט מאַרשירנדיקע טריט,
מיט באַוואוסטזיין און מיט זיכערקייט אין גאַנג;
מיט פויסטן אויפגעהויבענע,
מיט פאָנען און געזאַנג?
הער דאָס געקלאַנג פון קייט צעריסענער
אין דעם ליד, אין דער יובל'דיקער פרייד —
אַמעריקע גייט!

זע, אַמעריקע'ס זין און טעכטער!
מינען־אַרבעטער, פאַרם־הענט און פעדלער;
דער וואָס זיצט ביי דער ניי־מאַשין
און דער וואָס פירט די באַנען;
דער פראָפעסאָר, דער סטודענט,
דער וואָס ציילט אין באַנק פאַר מאָרגאַנען דאָס געלט
און דער וואָס בעט אין הונגער־נויט אַ סענט —
אַמעריקע'ס זין און טעכטער,
פאַרטרעטער פון מיליאָנען, —
„אין הונגער לעבן מוז און נויט".

אַלע זיינען דאָ:
דער וואָס שרייבט און מאָלט איז דאָ,
דער וואָס קנעט פאַר אונז דאָס ברויט
און דער וואָס קערט דאָס מיסט אין גאַס —

אַלע פאַכן זיינען דאָ פאַרטראַטן.
מאַן און פרוי,
דער ברוין־הויטיקער און דער ווייס־הויטיקער ;
דער איד און דער קריסט.
דער גריך איז דאָ און דער כינעזער איז דאָ,
קיין איינער ניט גרעסער פון אַנדערן,
קיין איינער ניט קלענער פון אַנדערן.

און דער וואָס איז ביים הערשער־קלאַס פאַרהאַסט,
און דער וואָס ווערט פון ריכטער מער פאַרפאָלגט,
דער זיצט דאָ אויבנאַן
און ס'פלאַטערט איבער יענעמ'ס קאָפּ
רויטער נאָך — די רויטע פאָן.

וואָס פאַר אַ נעמען עכאָ'ן אָפּ אין דונערדיק געשאַל —
וואָלט וויטמאַן ?
וועמענס נעמען טראָגן זיך מיט רעש פון וואַסער־פאַל —
וואָלט וויטמאַן ?
נעמען, וואָס קלינגען ווי מאַרשירנדיקע טריט —
ווי פרייהייטס־ליד אין די אויערן פון די מאַסן.
נעמען פון אַרבעטער־פירער, מאַרטירער,
נעמען וואָס פאַרטרעטן דעם וואָס בויט,
דעם וואָס שפייזט און קליידט,
באַדינט און פוצט דיך — אַמעריקע !

וואָס פאַר אַ קולות, הער איך, וואָלט וויטמאַן ?
קולות און שטימען וואָס קומען מאָנען און דערמאָנען

קולות פון טורמעס, קולות פון געפיייניקטע,
קולות פון אַלאַבאַמאַ,
נעגער־קולות פון תליה־בוים און שייטער־פלאַם —
(דער שראַם אויף דיין פנים, אַמעריקע !)

איך הער די שטימען פון העלדן־רעוואָלטירער,
די שטימען פון דזשאַן בראון און מאַלי מעקגווייערס
און סאַקאָ און וואַנזעטי און יאָרק
און סימס און באָסל.
איך הער קולות פון טרייענגל־פייער
פון אומגעקומענע מיידלעך
און סטרייקערס צעשאָסענע ;
קולות פון בלוט פאַרגאָסענעם
אין באָסישע מלחמות.

און דיין שטימע, וואָלט וויטמאַן,
אין כאָר פון אַלע שטימען :
אין כאָר פון מיליאָנען
מאַרשירנדיקע, שטרייטנדיקע, יובל'דיקע
זין און טעכטער פון אַמעריקע.

IV

אַלץ איז לעבן

זונטיק אויף דער פערצנטער גאַס

שרייענדיקע שילדן, מינענדיקער שיין,
אַפּישן־רוף מיט נאַקעטקייט פון לייב
זאָגט גליק־חלומות צו —
דעם הונגעריקן בליק פון דעם, וואָס זוכט
זיין חלק פרייד אין טאָג פון רו.

קומט מען זאַלבעצווייט, און איינציקווייז צוגיין.
עס גייען פאַרלעך שטיל מיט זונטיקדיקע טריט.
עס קומען נאָך און נאָך.
עס זוכן אויגן דורשטיקע דאָס שאָטנדיקע גליק,
דעם שכר פאַר לאַנגער, אַרבעטזאַמער וואָך.

קומען מיידלעך צוויי פון מואווי־הויז אַרויס,
די ליפּן בלוי־און־גרין אין מינענדיקן שיין,
אַנטוישט און לער דער בליק
און ווי עס וואָלטן אָפּגענאַרטע פּנים׳ער געזאָגט:
„מיר האָבן ניט געפונען דאָרט דאָס געגאַרטע גליק".

רוזשט זיך איינע פויל אַזוי און מיד
און פרעגט מיט פינגער אויף אַ גענעצדיקן מויל:
„און איצט? וואו גייט מען איצט?"
„קום, לאָמיר גיין אַן אַנדער מואווי זען",
זאָגט, ווי פאַרשעמט, די צווייטע מיט אַ זיפץ . . .

אויף אַ שיף אין אַ זומער־פאַרנאַכט

פלאַמפייערדיקער שפּיל איבער לאַכנדיקע וואַסערן.
הינטער טוליענעם שוים יונג־פרויעשע נאַקעטקייט,
וואָס ווינקט צו מיר אַרויף און רייצט און בלענדט,
מיט אויפגעשטעלטע קני און אויסגעשטרעקטע הענט...

עס איז מיין שיף אַ פאַר׳כישופ׳טער אָקרענט,
וואָס ווערט פון צויבערהענט געפירט
צום לאַנד פון זון־פאַרגאַנג,
און איך — ביי דעם פאַרענטש —
איך זע מיט אויגן אָפענע, אויף וואָר,
חלומות וואָס איך האָב גע׳חלומ׳ט
יאָר נאָך יאָר, פון מיין געבוירן אָן.

עס קענען מיינע הענט שוין ניט איינהאַלטן מער
דאָס שפּרינגענדיקע האַרץ, דאָס שיכור׳ע פון פרייד.
עס טוט אַזוי מיין האַרץ אין מיטן טרוים
זיך אַ ריס פון הינטער מיינע הענט —
אַ שפּרונג, אַ טאַנץ און אַוועק — אַוועק
מיטן שפּילעוודיקן שוים פון די לויכטנדיקע וואַסערן ...

דאָס פאַרבן־שפּיל פאַרגייט, עס לעשן זיך די פייערן,
און איבער די אַשיקע וואַסערן שפּרייטן זיך שלייערן —
עס שפּרייטן זיך שלייערן. עס שליסן זיך טויערן ...

— — — — — — — — — — — — — — — —

טונקל־בלויע נאַכט איבער שוואַרצע וואַסערן —
אויף אַ שליאַך פון ווייסן אומרו ציט מיין שיף...

אַמבולאַנס

קלינג־גלינג — גלינג־גלינג
טוט אַ פּיק אין האַרץ אַ שרעק.
טרעטן אַלע אָפּ דעם וועג,
ווען דער וואָגן יאָגט פאַרביי
מיט איילנדיק געקלינגלעריי:
קלינג — גלינג — גלינג־גלינג.

טוט זיך יעדערער אַ טראַכט:
ניט פאַר מיר, ניט דאָ געדאַכט,
ווידער איז שוין עמיץ קראַנק!
קלינגלט עס אין מח לאַנג:
קלינג — גלינג — גלינג — גלינג . . .

זייט מיר מוחל מיין גוטמוטיקן שמייכל

זייט מיר מוחל מיין גוטמוטיקן שמייכל,
און פאַר מיין שטיל געמיט
זייט נישט בייז אויף מיר.
— — — — — — — — — — — — — — —
איך ווייס:
עס האָט זיך פון דער קייט דאָס אומגליק אָפּגעריסן,
און הפקר איז געוואָרן אונזער לעבן. — — —
ווי אַ הונגעריקע חיה
שפּאַנט די נויט אַרום אין גאַס,
און זוכט די זעט — —
און ערגעץ אין אַ רייכן שלאָס,
אויף אַ בעט פון גאָלד און סאַמעט
וואַלגערט זיך אַ נאַקעטע די זעט —
מיט יעדן הונט פון שלאָס
— — — — — — — — — — — — — — —
איך ווייס, איך ווייס,
נאָר וואָס זאָל איך טאָן?
וואָס זאָל איך טאָן,
אַז העל איז די זון,
און שפּילעוודיק דער שטראַל.
און העל ווי די זון,
און שפּילעוודיק ווי ווייַן,
זינגט אין מיין בלוט
דאָס ליד פון מיין זיין...
— — — — — — — — — — — — — — —
זייט מיר מוחל מיין גוטמוטיקן שמייכל,
און פאַר מיין שטיל געמיט
זייט נישט בייז אויף מיר...

דער וואַנדערער גייט נאָך דעם עכאָ

דער זומערדיקער טאָג
האָט זיך פאַוואָליע
שעה נאָך שעה געצויגן
נאָך דעם פויערס טריט.

דאָס פערד אין שפּאַן,
דער אָקס אין יאָך
און אויף דער פּאַשע —
שאָף און רינד.

אַרום דעם פויערס הויז
אַן עוף, אַ קאַץ, אַ הונט
און אויף דער שוועל פון הויז,
אין ציצן קלייד,
די מאַמע שטייט
און רופט איר קינד פון פעלד:
Ki—t—t—y—y!

גאָטס וועלט איז גרויס
און פעלדער זיינען ברייט און פריי,
און ווי עס פליט דער פויגל אין דער לופט —
דעם מענטשנס בליק פאַרביי
און רעגט די בענקשאַפט אָן
און רופט:

— פלי מיר נאָך. —
אַזוי ציט אויך
דער מאַמעס רוף
דורך פעלד און וואַלד
און גרייכט דעם וואַנדערער
אין זיין מידן גאַנג
און עכ'אָט אָפּ
אין אומרו פון זיין האַרץ:
Ki—t—t—y—y!

עס האָט דער טאָג פאַרשנעלערט שוין
זיין גאַנג אַהיים
און פון דער פאַשע
טרייבט דעם פויערס קינד
די שאָף און רינד אַהיים.

אָקס און פערד אין שפּאַן
דרייען אויך שוין לאַנג די קעפּ צום שטאַל,
שוין צייט אויך פאַר דעם וואַנדערער
אָפּצואווענדן זיינע טריט
פון שטויב פון וועג
און זוכן רו ביי גוטע לייט — —

איז ווי עס ציט דעם מענטשנס בליק
נאָך שוואַלבן פליענדיק אין לופט,
אַזוי ציט נאָך דער וואַנדערער
נאָך דעם עכאָ פון דעם רוף:
Ki—t—t—y—y!

מ אָ ד נ ע

גרוים איז די וועלט און דאָס לעבן פאַרפּלאָנטערט,
פאַרפּלאָנטערט און שיין.
און איך בין אַ קינד נאַר, ווער היט מיך איך זאָל דאָ
פאַרלוירן ניט גיין . . .

זע איך צו אַלעס מיט שרעק און מיט וואונדער,
און קען ניט פאַרשטיין,
דאַכט זיך, אַז אַלעס איז פרעמד מיר און דאַכט זיך,
שוין אַלעס געזען.

ווי זאַמד דורך די פינגער

העי, ווי גוט עס איז צו שפּילן זיך מיט געלט!
ווי גאָלדיק זאַמד עס דורך די פינגער לאָזן,
ווי זילבער־שטויב עס מיטן ווינט צעבלאָזן —
איבער אַלע טיילן וועלט.

העי, ווי גוט עס איז צו שפּילן זיך מיט געלט!
ווי פּאָזעמקעס אין וואַלד די רענדלעך קלייבן,
ווי יונגע פייגל זיי דערנאָך צעטרייבן —
איבער אַלע עקן וועלט.

ווען די לבנה שיינט ניט

1

עס בענקען די שטערן און פרעגן:
וואו איז די לבנה?
זיי קוקן אַרונטער פֿאַרליבטע, באַטריבטע
און וואַרטן אַנטוישטע און ליידן אָן שיעור — —
אָט האָט שוין אַ שטערן דעם זינען פֿאַרלוירן
און פֿאַלט מיט אַ שמייכל אין פֿינצטערן רוים...

מיט בליקן פֿול אומעט און טרויער
באַגלייטן אים אַלע,
און, דאַכט זיך, עס וועלן די שטערן
באַלד איינס נאָכן צווייטן
זיך וואַרפֿן פֿאַרצווייפֿלט אין שוואַרצן תהום...

2

עס האָבן די בוימער פון וואַלד זיך געשראָקן,
אַליין צו פאַרבלייבן אין פינצטערן סטעפּ.
האָט איינער ביים צווייטן דעם קאָפּ אויפן אַקסל
פאַרטוליעט, באַהאַלטן...
און האָבן זיך איילנד אַ שלייער אַ שוואַרצן
פאַרצויגן אין אימה, אַריבער די קעפּ...

ווי הערן זיך איינעט מיט אָטעם פאַרשטיקטן,
ווי ס'טראָגט זיך אין פעלד אום אַ פאַרשטיקטער געוויין —
דאָס יאָמערן זשאַבעס, זיי וויינען און קלאָגן, ווי קינדערלעך קליינע,
פון זינדיקע מאַמעס אין זומפּן פאַרטראָגן —
און דאָרטן געלאָזן אין חשך אַליין...

ווי בעז אין פרילינג

(צום יאָרצייט פון יאָסל קאָטלער)

מיר גייען מיטן פּנים צו דעם שונא.
מיר גרייפן אָן.
און טויזנט־מאָל־טויזנטער טריט
קלאַפּן אויס דאָס ליד
פון אונזער זיג.
און מיטאַמאָל —
אַ שטיל געמורמל,
ווי עס וואָלטן ווינטן איבער גראָזן
בליטן שפּרייטן —
פרעגט איינער ביי דעם צווייטן:
וואו איז יאָסל?

וואו איז יאָסל?
ערשט איז ער געווען דאָ,
ווי זון,
ווי בעז אין פרילינג,
ווי הימלס בלוי אין יונוי־טאָג
האָט הפקר׳דיקער יאָג —
ווי דורך וואָלקן און ציקלאָן
מיט דונער און פאַרלענד
זיך געטאָן אַ טראָג פאַרביי,
אַ ריס אַרויס געטאָן
די פאָן פון זיינע הענט
און אים פאַרברענט.

מיר גייען מיטן פּנים צו דעם שונא.
די זון גייט אויף, פאַרגייט —
באַלד ווידער אויפצוגיין;
נאָר שטענדיק שטראַלט דאָס ליכט פון זון
אין אונזערע אָפענע אויגן.

מיר גריפן אָן,
מיר ציען זיך צוריק —
באַלד ווידער אָנצוגרייפן.
נאָר שטענדיק פלאַטערט דאָ מיט אונז
דיין פאָן,
עס פאַרלויפן אונז דעם וועג פאָרויס
דיינע זוניק־שפּילעוודיקע רייד
און איבער אונז,
ווי שפּיל פון רעגנבויגן־פאַרבן,
גייט־אויף דיין פילקאָלירנדיקע פרייד.

גליק אַף דער פערצנטער גאַס

שטייט דער מאַן אינעם טערקישן טורבאַן
און האַלט די הענט
איבערן שאַר פון פיל־קאָלירנדיקן קרישטאָל,
ווי דער כהן ביי דעם דוכענען אין שול —
און זוכט „אַרויסצוכשופ'ן" פון דאָרט,
מיט זיינע קלוגע, אומעטיקע אויגן,
פאַר אַן אַלטער פרוי, אַן אָרימער,
אַביסל האָפענונג אַף גליק. . . .

ער טוט אַ פיר די אויגן זיינע, פונעם שאַר,
אַף איר געעלטערט פנים,
אַף אירע אויגן פול מיט זאָרג און צער,
אַף איר אָרים קלייד;
ער כאַפּט אַ קוק אין טעלערל,
ווי ווינציק „דיימס" עס איז נאָך דאָרט פאַראַן;
ער טוט אַ זיפץ און זאָגט אַזוי:
איר האָט ווינציק פרייד געהאַט אין לעבן,
ליבע פרוי — — —
איר גייט פון קליינערהייד אַזוי אין שפּאַן
און לעבט אַ לעבן נאָר פון נויט און זאָרג —

די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ און טוט אַ זיפּ:
— איר האָט געטראָפן, גוטער מאַן —

טוט ער שנעל אַ ריר, מיט פינגער צוויי,
דאָס שטיקל גלאָז אַף זיין טורבאָן,
ער טוט דעם קאָפּ צו דעם קרישטאל אַ בויג
און זאָגט:
עס איז פאַר אייך נאָך האָפענונג פאַראַן —
איך זע דאָ — — געלט — —
איך זע . . . אַז עמיצער וועט ווערן רייך . . .
עס גייט צו אייך . . אַ בריוו פון ווייט . . .
עס וואַרט אויף אייך . . . נאָך פרייד,
און גליק אַסאַך . . .

עס טוט די פרוי פאַרשעמט אַ לאַך
און ווישט זיך אוים אַ טרער פון אויג. . . .
עס טוט ביי איר אין בליק אַ בליץ,
אַ רגע האָפענונג אַף גליק — —
זי גייט מיט מידן גאַנג אַוועק
און מורמלט שטיל:
— „אַ בריוו פון ווייט . . . פון וועמען קען עס זיין?"
„עס וואַרט אויף אייך נאָך פרייד
און גליק אַסאַך" — —
שוין צייט . . . אוי, גאָטעניו, שוין צייט!" . . .

V

ווי לאַנג איך וועל לעבן —

פּ ד ו י

דו ביסט מיר אייגן, דו פליסט אין בלוט ביי מיר.
איך טראָג דיך אין מיין האַרצן גערן.
דו קלינגסט אין מיין געלעכטער אָפּ,
דו ביסט דער ציטער־גלאַנץ אין מיינע טרערן.

ווען כ׳טראַכט, ביסטו דער אינהאַלט, דער געדאַנק,
און אויך דער תענוג פון דעם דענקען.
דו ביסט די בענקשאַפט אין מיין האַרצן טיף,
ביסט אויך די צאַרטקייט פון מיין בענקען . . .

דו ביסט דער ציטערדיקער עפּעס,
וואָס לאָזט זיך מיט קיין ווערטער ניט דערציילן.
דו ביסט דער ליבעס־קוואַל — דער אוצר גוטס
ביי מיר אין האַרצן, וועלטן צו באַטיילן.

בענקשאַפט

עס האָט די בענקשאַפט מיך געטאָן פון אָרט אַ ריס, —
איך האָב מיין בליק, דערוואַרטנדיק, געווענדט צום טיר —
ע־עך ווי אומעטיק, ווי אומעטיק מיר איז
אָן דיר!

איך האָב שוין טויזנט מאָל דיין נאָמען אויסגעקריצט
און איצט, האָב איך אים טויזנט מאָל שוין אָנגעשריבן
אויף פּאַפּיר.
עד־עד, ווי ווייט, ווי ווייט, ווי ווייט, דו ביסט אַצינד
פון מיר!

עס האָט מיין האַרץ, מיט ווילד און בענקנדיק געשריי,
אין שפּעטער נאַכט־שעה אָנגעקלאַפּט אָן דיינע פענצטער,
אָן דיין טיר
און כ׳האָב אין שטילער נאַכט דערהערט: איך גיי, איך גיי,
איך גיי
צו דיר.

ווי ווינטן פאַר אַ שטורם

1

איך האָב געהערט דעם רוף
פון שטורם־פויגל אין מיין בלוט.
איצט ווייס איך ניט אַליין,
צי זאָל איך זיך פון שטורם אויסבאַהאַלטן,
צי זאָל איך אים אַקעגן גיין . . .

זי איז צו מיר אַ ליכטיקע געקומען
און האָט מיט אירע ווינטיק־לייכטע הענט
אַ וויי געטאָן אויף מיר.
איצט האָבן זיך גענומען איבער מיינע הימלען
וואָלקנס שפּרייטן.
די בליטן אין מיין האַרצן ציטערן און פאַלן,
איינער נאָכן צווייטן,
און אַלץ האָט זיך איןווירבלווינט
גענומען דרייען אַרום מיר.

איך האָב געהערט דעם רוף
פון שטורם־פויגל אין מיין בלוט
איך וועל אַקעגנגיין דעם שטורם . . .

2

דו שווייגסט.
דער ים שווייגט אויך אַמאָל אַזוי,
ווען זיין אומרו שלאָפט פאַרוויגט
אין זיין סאַמעט־ווייכן גרין־און־בלוי —
דיינע אויגן זיינען אויך אַזוי —
סאַמעט־ווייכער גרין און בלוי . . .

איך זיץ ביי דיינע פיס
און הער זיך איין אין אומרו פון דיין שווייגן —
אומרו ווילד־געצאַמטער
האָט זיך ווי פאַרטייעט אין דיין שווייגן.
לייבן אין די שטייגן
שפּאַנען האַסטיק אום און שווייגן אויך אַזוי . . .

דו האָסט זיך איבער מיר אַ שטילע אָנגעבויגן
און האָסט דיין קאָפּ אויף מיינעם אָנגעלענט.
איך זיץ אַזוי מיט צוגעמאַכטע אויגן
און פאַרנעם —
ווי עפּעס רייסט זיך אויף דער פריי
פון צאַם און קלעם
און עפּעס ברומט אין מיר, אין דיר,
ווי ווינטן פאַר אַ שטורם . . .

TRIANGLE

איך האָב איר אַ ביכל צום לייענען געבראַכט.
זי האָט מיר אַ שמייכל געשאָנקען דערפאַר.
און ער האָט, פאַרשטיי איך, זיך דאַמאָלסט געטראַכט :
אַזוי קריגט דער הונט אַ גלעט פון זיין האַר . . .

זי האָט אַ פאַרטראַכטע געגלעט מיר די האַנט,
און ער האָט געשמייכלט פול אומעט און צער.
עס האָט מיר זיין שמייכל, דער טריבער, דערמאָנט :
דעם בליק פון אַ הונט, ווען עס שלאָגט אים זיין האַר.

אַ ברוגז

1

ווערטער מיינע, שטילע רייד,
יאָגט נאָך איר זיך שטילערהייט,
ווי עס יאָגן פלינקע האָזן
אין די זומערדיקע נעכט די קילע,
איבער יונגע, ווייכע גראָזן.

ס'האָבן שלעכטע מענטשן
דאָרנדיקע רייד פאַרזייט
ביי איר אין האַרצן . . .
האָט זי זיך אַ ברוגז'ע
אָפּגעקערט פון מיר. —

יאָגט איר נאָך און בעט זי איבער,
סוד'עט איר אַריין אין אויער
היילונג — פאַר איר בייז געמיט.
שפּרייט זיך אויס, ווי פּילקאָלירטער בליט
הינטער אירע איילנדיקע טריט.

אויב עס העלפט נישט, בלייבט מיט איר דאָרט.
אין אַ שעה פון שווערן אומעט
זאָלט איר זיך ווי זונען־שטראַלן,
שטיל און אומבאַמערקטערהייט,
שפּילן אויף איר קלייד.—

און איר זאָלט איר האַנט באַרירן
ביז זי וועט אין האַרצן פרייד דערשפּירן,
אַליין נישט ווינדיק פון וואַנען
און אין וועמענס נאָמען,
ס'איז די פרייד צו איר געקומען. —

2

מיט איר צוזאַמען האָט פאַרלאָזן מיך מיין רו,
איצטער איז מיין האַרץ אויך קעגן מיר — —
אויף די פענצטער־שויבן הענגען מיינע אויגן
און דאָס האַרץ מיינס ציטערט אויף אין מיר,
מיט אַ יעדן קלאַפּ פון טיר . . .

זאָג איך צו מיין האַרץ אַזוי:
— הער:
די לאַסט פון טאָג איז שווער
און מיד בין איך
פון גאַסנדיקן האַנדל־וואַנדל.
לאָמיר שלאָפן! . .
בעת דאָס האַרץ זיך שטיל ביי מיר:
וועסטו מאָרגן צו איר גיין
זאָג איך קאַלט און ברוגז:
— ניין!

זאָגט מיין האַרץ צו מיר אַזוי:
הער: ווי עס זאָל ניט זיין מיר שווער

זיך מיט דיר צו שיידן,
מוז איך גיין צו איר — —
ווייל בעסער פון אייךביידן — ליב איך זי — — — —
זאָג איך דורך צונויפגעפּרעסטע ציין:
— דו קענסט גיין! ..

איז מיין האַרץ שווין ניט מיט מיר.
וואַרף איך זיך אַרום אויף מיין געלעגער
היך־און־הער — —
ווייל איך זיך אַליין פאַרוויגן,
איז מיר שווערער נאָך ווי פריער,
ווייל מיר דאַכט זיך, אַז איך הער
דאָס האַרץ מיינס וויינען
ביי איר צוגעמאַכטער טיר ...

VI

קינדער

קינדער

גייט דער נייגעבוירענער פרימאָרגן
ביי די פענצטער אום,
קליינע קינדער וועקן —
אַ ליכטיקער,
אַ דורכזיכטיקער.
שפּילט ער אוים מיט שטראַלנדיקע פינגער,
אויף די שויבן,
זיין מאָרגן־ליד.
זיין רוף:
קינדער, קינדער,
שטייט שוין אויף.

עפענען קינדער אויף די אויגן.
פרייען זיי זיך מיט דעם ליכט פון טאָג.
אויסגעשלאָפן, אויסגערוט.
זיינען קינדער ליב און גוט.
פאָלגט מען וואָס די מאַמע הייסט,
עסט מען וואָס די מאַמע גיט,
פרייט די מאַמע זיך דערמיט
וואָס די קינדער זיינען גוט,
און פאַר ליבע און פאַר גליק
פינקלען טרערן אין איר בליק.
נאָר וואָס ווייסן קינדער דען?
איידער וואָס און איידער ווען,
וואַרט דער טאָג שוין ביי דער שוועל,
כאַפּן זיי די ביכער שנעל
און מען איילט אַוועק אין שול.

גייען קליינע קינדער לערנען,
מעגן מענטשן ווי פֿאַרהאָוועט לויפֿן,
מעג ווי טומלען אין די גאַסן
מיטן קויפֿן און פֿאַרקויפֿן,
מעגן עלעווייטער באַנען רוישן.
מיטן קלאַנג פֿון שטאָל און אייזן,
נעמען קינדער זיך אין גאַס באַווייזן,
ווערט דאָס שטאָטישע געפּילדער
מילדער.
און דער אויסדרוק אָט דער האַרטער
אויף די מענטשלעכע געזיכטער
ווערט גאַר צאַרטער,
אין די הערצער הויבט אָן וואַרעמען
ליבע און דערבאַרעמען.

לערנען קינדער גוט און פֿלייסיק,
און זיי ווייסן:
אַז דער טאָג אין דרויסן
וואַרט געדולדיק.
נאָכן לערנען וועט מען שפּילן
איינע פֿון אַ טויזנט שפּילערייען,
צי עס וועט דער טאָג זיי לערנען
גאָר אַ שפּאָגל נייעם שפּיל;
פֿון געפֿאַר זיי היטן
מיט ליבע און דערבאַרמען.
די זון וועט וואַרעמען,
דאָס ווינטעלע וועט קילן
און קינדער וועלן שפּילן
גוט און האַרציק.

שפּילן זיך די קינדער
האַרציק גוט און שיין,
ביז עס דאַרף דער טאָג פאַרגיין
אין אַן אַנדער לאַנד אַ ווייטן,
ברענגען אויך צו יענע קינדער דאָרטן,
ליכט און שפּיל און פרייד־ן.
אָבער זיך צעשיידן
מיט די קינדער דאָ
טוט אים אַזוי באַנג,
שטייט ער אויפן ראַנד,
צווישן לאַנד און לאַנד,
שפּילט אַזאַ מין שפּיל
פון טויזנטער קאָלירן,
און אין לופטן שפּרייט זיך
אַ געזאַנג וואָס בעט זיך:
קינדערלעך, נישט זאָרגן!
איך וועל קומען מאָרגן.

הערן קינדער און פאַרנעמען
דאָס געבעט און דאָס געזאַנג
פון פאַרגייענדיקן טאָג
און זיי ווייסן,
אַז זיי דאַרפן זיך נישט זאָרגן,
ווייל ווי ווייט איז דען ביז מאָרגן?

און דער אָוונט איז שוין נאָענט,
קומט דער אָוונט ווי דורך כּישוף,
נישט געזעצן און אָט ווערט ער
אַ פאַרטרוימטער, אַ פאַרקלערטער,
רוימט ער סודות איין די קינדער,
אַז אַ וואונדער שיינע מעשׂה,
אַז אַ ליבער זיסער טרוים,
וואַרט אויף זיי אין דר׳היים.

ברענגט דער אָוונט אַלע קינדערלעך אַהיים.
ברענגען זיי פון דרויסן מיט
אין די האָר, אַ הויך אַ קילן.
מיד פון יאָגן זיך און שפּילן,
עסט מען וואָס די מאַמע גיט,
פאָלגט מען וואָס די מאַמע הייסט.
און דער טאַטע, אַז ער ווייסט,
אַז די קינדער זיינען גוט,
האָט ער שוין אַ מעשה גרייט.
ביז עס שלאָגט דער זייגער ניין,
שלעפערט ער די קינדער איין,
שלאָפן זיי געזונטערהייט,
ביז עס קומט דער נייער טאָג
די קינדער וועקן.

יום־טוב — מאַי

הײַנט איז יום־טוב, הײַנט איז פרילינג.
אונזער פרילינג — ערשטער מאַי.
מאַי און פרילינג אונזער צווילינג,
יום־טוב פרילינג, יום־טוב פרײַ.

באַראַבאַנען, הערט, דערמאָנען,
אַז מען גייט הײַנט ניט אין שול.
אָפּגעשטעלט פאַבריק און באַנען
און מיט פרייד די גאַסן פול.

לאָמיר מיט די טריט אויסשלאָגן
ליד פון פרײַ, פון מאַי און זון.
זאָל דאָס ליד זיך ווײַט צעטראָגן,
וואו מען ווייסט נאָך ניט דערפון.

קומט אין גאַס און לאָמיר שפּאַנען
צו דעם טאַקט פון פּויק און ליד,
הימל־בלוי און רויט די פאָנען,
אונזער מאַי האָט זיך צעבליט.

שניי

(לויט אַ ענגלישן מאָטיוו).

שניי אויף פאַרטריקנטע גראָזן.
שניי ליגט אויף דאַך און אויף בוים.
הייזער פאַרהוילן אין שטילקייט.
שנייעלעך ווייך אין דעם רוים.

שטילקייט אויף פעלדער און וועלדער,
ווייך, אַז דאָס האַרץ טוט אַזש וויי.
ווייט אין דער ווייס־ווייסער ווייטקייט,
שטילקייט און ווייכקייט און שניי.

#ווינטער

(פון א רוסישן מאָטיוו).

איך בין דער ווינט פון צפון,
איך ברענג מיט זיך דעם שניי.
מיין אָטעם, פרעסט און קעלטן,
מיין גאַנג איז ווילד געדריי.

דורך יעדן טאָג פון ווינטער,
דורך נאַכטלעך שטילן בלוי,
איך זינג אַריין אין קוימענס,
און פייף מיר צו אַזוי:
או—או—או—או,
או—או—או—או.

עס מאַכט די שויבן ציטערן
מיין הוליענדיק געזאַנג.
עס בלייבן שטיין די טייכן,
פאַרגליווערטע אין גאַנג.

איך קנייפּ די קינדער־בעקלעך,
און מאַך זיי רויט און בלוי —
איך פריר זיי אָפּ די נעזלעך,
און פייף מיר צו אַזוי:
או—או—או—או,
או—או—או—או.

ווינט

(לויט ראָבערט לואיס סטיוועגסאָן).

די וויגסט אין רוים אַ פּאַפּירענע שלאַנג.
טרייבסט אום די פייגל, אין לופטן לאַנג.
און ווי מען שאַרכט, אויף גראָז, מיט זייד,
דערהער איך דיך, ווען ביסט נאָך ווייט.

אָ, ווינט, וואָס בלאָזסט און ווערסט ניט מיד,
אָ, ווינט, וואָס זינגסט דיין רוישיק ליד.

איך זע: דו טוסט. איך וויים: דו ביסט.
דאָך זוך איך דיך אַרום אומזיסט.
איך הער דיין רוף, איך פיל דיין שטויס
און דו אַליין, באַהאַלטסט זיך אויס.

אָ, ווינט, וואָס בלאָזסט און ווערסט ניט מיד,
אָ, ווינט, וואָס זינגסט דיין רוישיק ליד.

אָ, דו, וואָס ביסט אי שטאַרק, אי קאַלט;
וואָס ביסטו, בלאָזער, יונג, צי אַלט?
ביסטו אין פעלד אַ שאָף, אַ רינד?
צי ביזסט ווי איך אַליין — אַ קינד?

אָ, ווינט, וואָס בלאָזסט און ווערסט ניט מיד,
אָ, ווינט, וואָס זינגסט דיין רוישיק ליד.

דער שלעכטער קעניג

(באַלאַדע)

א.

אַמאָל האָט אַ קעניג געלעבט אין אַ לאַנד,
אַ קעניג אַ בייזער, אַ שלעכטער
און האָט ניט קיין קינדער געשאָנקען אים גאָט,
דערפאַר האָט דער קעניג דער שלעכטער געהאַט
צען טויזנט באַוואָפנטע וועכטער.

און שלעכט איז דער קעניג געווען צו זיין פאָלק:
געראויבט און געריסן אי צינזן, אי שטייער.
מיט שווייס האָט זיך יעדער באַאַרבעט זיין פעלד;
און איז נאָר געקומען דער ווינטער, די קעלט,
איז ליידיק געווען דער שייער.

דאָך שטיל האָט דאָס פאָלק דאַן געטראָגן דעם יאָך,
דעם קעניג געווען אונטערטעניק.
אין נויט און אין הונגער געלעבט האָט דאָס פאָלק,
דערפאַר האָט כסדר אָן חשבון, אָן טאָלק
געהוליעט, גע׳שיכור׳ט דער קעניג.

ב.

אַמאָל האָט געטראָפן אַ הונגער אין לאַנד:
אַ היישעריק האָט דאַן די פעלדער באַפאַלן
און וויסט האָט דער היישעריק געלאָזן די ערד;
און האָט נאָך פאַרמאָגט ווער אַ קו צי אַ פערד,
איז אַלץ, אַלץ פון הונגער געפאַלן.

דער קעניג, ער האָט דאָך פּאַלאַצן געהאַט,
און טייערע פערד און קאַרעטן.
פיל טייערע בלומען אויף יעטוועדן טראָט,
געבראָטענע טויבן צו עסן געהאַט,
געשלאָפן אין גאָלדענע בעטן.

פיל שפּייכלערס מיט תבואה האָט דער קעניג געהאַט.
עס האָבן ביים קעניג די פערד אין די שטאַלן
אי האָבער, אי היי דאַן געגעסן צו זאַט,
אין לאַנד זיינען קינדער אויף יעטוועדן טראָט
פון הונגער אין גאַסן געפאַלן.

ג.

פון די הייזער טרייבט דער הונגער,
דורך די גאַסן פירט די נויט,
פירט דאָס פאָלק צום קעניגס פּאַלאַץ —
בעטן ברויט . . .

ווי אַ ווינט, אַ שטיל געמורמל:
רונד אַרום דעם פּאַלאַץ'ס ווענט.
שטום און בעטנד, אויסגעשטרעקטע,
דאַרע הענט . . .

אויף די פּנים׳ער — דער הונגער,
פון די אויגן בליקט דער טויט —
רופט דאָס פֿאָלק אויס צו דעם קעניג:
— „גיב אונז ברויט!" . . .

ד.

הוליען געסט ביים קעניגס טישן,
און דער קעניג שיכור איז.
פּלוצים טוט פון אָרט דער קעניג
זיך אַ ריס:

— העי, איר וועכטער, זאָגט וואָס ווילן,
וואָס פאַרלאַנגען דאָרט די מייז?
בלאַסע ענטפערן די וועכטער:
— „ברויט און שפּייז". — —

לאַכט דער קעניג ווילד און שיכור:
— זיי פאַרלאַנגען ברויט און שפּייז?
וואַרפט אַראָפּ פון טיש די ברעקלעך
צו די מייז! . . .

ה

ווי דער קעניג רעדט דאָס לעצטע וואָרט אַרויס,
טוט אַ פלי פאַרביי אַ מויז . . .
רייבט אַזוי דער קעניג זיך די אויגן אויס,
פליט פאַרביי אַ צווייטע מויז . . .

זוכט דער קעניג זיינע געסט אַרום אין שרעק,
זיינען זיינע געסט אַוועק,
און אָט שטעלט אַ מויז זיך אויף זיין האַנט אַוועק,
כאַפּט ער צו די האַנט אין שרעק . . .

ווי דער קעניג טוט אַזוי די האַנט אַ כאַפּ,
שפּרינגט די מויז אַרויף אים אויפן קאָפּ.
כאַפּט דער קעניג ווי משוגע זיך ביים קאָפּ,
שפּרינגט זי אים אין שוים אַראָפּ.

ז

איבער זאַלן יאָגט דער קעניג, ווי קאַלך ווייס.
יאָגן זיך נאָך אים די מייז.
און עס צייגן פּישטשנדיק די מייז
ציינדלעך קליינע, שאַרף און ווייס.

טשעפּען זיך די מייז אין קעניגס קליידער איין,
קריכן אים אין האַלז אַריין . . .
גראָבט דער קעניג אין דער ערד דאָס פּנים איין
און פאַרגייט אַזוי אין פּיין . . .
— — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער ערד, אין פּאַלאַץ, הענט און פיס צעשפּרייט.
ליגט דער שלעכטער קעניג טויט . . .
פון דעם קעניג׳ס שפּייכלערס גייען קינד־און־קייט
און זיי טראָגן זעק מיט ברויט . . .

VII

אייגנס און פרעמדס

אונזער לאַנד

פונעם רוסישן

ווער קען מעסטן אונזערע פּרייריס,
ווער קען ציילן אונזערע שטעט,
מיט ווערטער ווי זאַפטיקע פּירות,
איינער צום צווייטן דאָ רעדט.

איין וואָרט אַזאַ, הייסער פון לאַווע,
גרייכט יעדן, אין יעטוועדן אָרט,
דאָס הייליקע וואָרט אונזערס — חבר,
ס'איז חבר דאָס הייליקע וואָרט.

ווי דאָס רוישן פון וועלדער און טייכן,
גרייכט די פרייד פון ראַנד ביז צו ראַנד,
נישטאָ צו אונזער לאַנד נאָך קיין גלייכן,
צום פרייען און גליקלעכן לאַנד.

אַ לעבן, אַ יונגלינג, אַ ניילינג,
ווי פרילינג, ווי בליאונג — די טריט.
מיר האָבן אַ ליכטיקן דריילינג —
געלעכטער און ליבע און צוויט.

דאָך שיפּעט די שלאַנג נאָך מיט סאַמען,
מיר היטן איר יעטווידן ריר,
עס איז אונז דאָס לאַנד ווי אַ מאַמע,
מיר געבן דאָס לעבן פאַר איר.

אַמעריקע, אַמעריקע!

(מאַסן־רעציטאַציע).

פון אלפרעד קרעימבאָרג

פרייע איבערזעצונג

(ערשטער טייל):

דער פלאַטפאָרמע־רעדנער

1

וואָס האָסטו מיט דיין גאָלד געטאָן,
אַמעריקע, אַמעריקע?
וואָס פאַר אַ האַנדל פירסטו אָן
מיט מענטשן־פלייש און מענטשן־לייד
און וואָס האָט מאַסע אָרימע באַצאָלט
פאַר פרייהייט אויף דער קייט? —
פאַר רעכט אויף אַ ווינקל און אַ בעט,
פאַר רעכט אויף שוואַרצן ברויט צו זעט,
פאַר רעכט צו לעבן זאַלבע־צווייט אין נויט,
פאַר רעכט צו ליבן, כאָטש אַ רגע פאַרן טויט
און לאָזן קינדער דאָ, פאַרזאָרגט מיט ברויט.

פאַרוואָס גיסטו ניט, די קינדער דיינע, עסן און אַ קלייד,
אַמעריקע?
פאַרוואָס ווערט די יוגנט דיינע אַלט נאָך יונגערהייט,
אַמעריקע?
די יוגנט הייראַט יונג און ווערט געפאַנגען באַלד
אין טעגלעכן געראַנגל, וואָס מאַכט פריצייטיק אַלט.
אין גאַס, דערשלאָגן — ער
און זי, די כשוף־פרוי פון הויז,
לאָזט דעם בעזים ניט אַרויס פון אירע הענט,

ביז אַלעס בלענדט. — ביז זי הערט
דעם : שלעפּ, שלעפּ, שלעפּ, פון מידע טריט אַרויף די טרעפּ.

אַט, שטייט ער אויף דער שוועל פון טיר,
אָן קראַפט צו רירן זיך פון אָרט,
פון די ליפּן ניט קיין וואָרט,
נאָר עס רייַדן זייַנע אָפּגעלאָזטע הענט
און דאָס פּנים, פול מיט שרעק און חרפּה ברענט :
— געסעקט, געסעקט . . .

וואָס האָט זיך עס אין איר געטאָן אַ ריס צו אים —
צו דעם וואָס איז געבליבן נאָך פון אים,
זי האַלדזט און קושט און מונטערט אויף אין אים צוריק
דאָס ביסל לעבן וואָס די אַרבעט האָט נאָך ניט צעדריקט.
זי נויטיקט זיך דאָך אויך אין אים אַזוי —
ווי מיד פון גיהנום־לעבן, ס'איז די פרוי :
מיד פון טעבערן — אַ קליינע פּעי זאָל זיין פאַר צווייַ,
זאַל שפּייַזן דרייַ, זאַל נערן פיר (און גאָט באַהיט פון מער).

אַט שמייכלט זי צו אים אין זייַנע אָרעמס איצט
און ער איז ווידער ער :
ער שטיפט און פּלאַפּלט ווי אַמאָל זייַן ליבע קינדערייַ.
ס'האָט זיך ביי זיי פון ס'נייַ די האָפענונג צעגליט
און ווידער האָט די ליבע זיך צעבליט.
וועק זיי ! שרעק זיי ! און באַזין זיי,
אַמעריקע, אַמעריקע,
איידער לייַדנשאַפט זיך פאַרט און קנופּט צונויף אַ נייַ געבורט.
זיי האָבן דאָך פון ליבע בלינד,
ניט ווילנדיק שוין פרי'ר געהאַט אַ קינד און נאָך אַ קינד ;
אַ פּראַל מיטן לאָדן, אַ קלאַפּ מיט דער טיר — דו ווינט !
זיי וועלן דיר דאָס ניט —פאַרגעסן לאַנג ;
ביסט גרוויזאַם און גרוי, קענסט אויך זיין מילד,

אַ פּראַל מיטן לאָדן — אָט, אַזוי,
אַ דאַנק.

וואָס ווערט די פּאָר מיט אַמאָל אַזוי בלאַס,
אַמעריקע, אַמעריקע ?
וואָס ווערט זייער היים פּאָר זיי אַזאַ לאַסט ?
וואָס ווערט זייער היים אַ טורמע־צעל,
וואו הונגער היט, ווי אַ וואָלף, זייער שוועל ?
וואָס זעען זיי אויס, ווי זיי וואָלטן פאַרלוירן
דאָס לעבן אין קאָן —
אַ לעבן, וואָס ביידע הויבן ערשט אָן.

און וואָס פּאַר אַ „ליין", ציט זיך אין לענג פון דער גאַס ; —
מיליאָנען „ליינס" — אַמעריקע מיינס ?
פיס פון העלד און ריז, פיס פון שוואַכלינג און נישט",
צוזאַמען געמישט — אין ליין פּאַר אַ דזשאַב,
פאַרדינען, כאָטש עפּעס, צו דערנערן דאָס לייב
פון אָרימען ווייב —
וואָס, אין הימלס ווילן, קען דאָס זיין —
אַמעריקע, אַמעריקע,
וואָס האָסט זייער ברויט, זייער פרייהייט, גערויבט !

(צווייטער טייל):

דאָס רייכע פּאָרל דזשעק און דזשיל

וואָס טראָגט זיך פאַר מיין בליק פאַרביי,
אַמעריקע, מיין לאַנד?
אינגל און מיידל, אין רייכן געקליידט —
עס פלאַקערט צום הימל אַרויף זייער פרייד;
פון יוגנט פאַר'שיכור'ט, פון פוסטקייט — געיאַגט.
פאַרבלענדט פונעם רייכטום, וואָס דער טאַטע פאַרמאָגט,
בלאַנקט דער לימוזין און גלאַנצט,
דרייט זיך ערד און הימל אין אַ טאַנץ.
זינגט דאָס האַרץ פאַר פרייד און לאַכט,
שיינט די זון פאַר זיי, באַנאַכט . . .

וואָס גייט זיי אָן מיין זאָרג, מיין וויי?
וואָס פאַר אַ ווערט האָסטו ביי זיי —
אָ, לאַנד, מיין לאַנד?
ווי לאַנג עס איז אין אָטאָ דאָ
געטראַנק און אַ קוש, געזאַנג און אַ קוש,
אַ קוש און אַ שפּיל,
אַ מינוט אַ מייל, אַ ליבע פאַר אַ וויייל.
לייב מיט לייב, אין ווילדן פלי —
אויבן ער און אונטן זי,
דרייט זיך רוים און ערד און תהום
און ס'איז איך יענער שעה
פאַר זיי קיין טויט ניטאָ!
ע־עך. סאַראַ צייט־פאַרטרייב;
אינגל־לייב און מיידל־ווייב,
הפקר־ראַיד, הפקר־צייט, הפקר־ווייט, אָטאָ־ראַיד!
פאַר קיינעם ניט געזאָרגט, און קיינעם ניט באַדויערט.
—„צום טייפל די מאַמע, ווער שרעקט זיך פאַר איר?"
—„דער טאַטע וועט באַצאָלן, ער איז אַ באַנקיר."

—„גאָט, איך וואָלט געקענט איצט בעטן גאָט —
אַזאַ מויד, אַזאַ פרייד, האָב איך קיינמאָל געהאַט.״
—„איך האָב מיט קיין בחור נאָך קיינמאָל, דזשעק—״
—„אַ מיידל זאָל אַן שרעק שטעלן אַלץ אין קאָן—״
—„געווען באַדאַרפט טראָגן אַ חתונה־רינג.״
—„וואָס שטופט דיך דער נאַר דאָרט ,שטיי אויף און זינג !״.
—„קום, לאָמיר טאַנצן, שטעל די ראַדיאָ אָן.״
—„איך ווייס ניט וואָס כ׳האָב מיט די נאַרישע הויזן געטאָן.״
—„און וואו האָסטו באַהאַלטן, דו ווילדער, מיין קלייד ?״
—„איז קום, לאָמיר טאַנצן, אַזוי ווי ס׳גייט.״

—„מאַך ליכטיק, עס מוז שוין זיין שפּעט אין דער נאַכט.״
—„ס׳איז שוין שפּעט אינעם טאָג ; שוין האַלב נאָך אַכט.״
—„די מאַמע אודאי געוואַלדעוועט דאָרט.״
—„דער טאַטע העלפט־מיט.״״
—„מיר וואָלטן געווען זיך אויפגעפירט גוט, ווען ניט—״
—„לאָמיר נעמען אַ טרונק.״
—„לאָמיר נעמען צוויי.״
—„גיי ווייס, אַז אַ טרונק העלפט זיך פאַרגעסן אַזוי.״
—„איך באַגעגן אַ מיידל דאָס ערשטע מאָל—און גלייך—״
—„אַ בחור געקליידט אַזוי אנשטענדיק, רייך—״
—„אַ מיידל פאַרנויגט זיך אַזוי פרעמד, אַזוי קאַלט—און באַלד — —״
—„געטאָן דאָך ה אָ ס ט ו , וואָס דו האָסט געטאָן.״
—„א י ך האָב געטאָן ?״
—„יאָ, ד ו !״
—„וואָס אַזוינס האָב א י ך געטאָן וואָס ד ו האָסט ניט געטאָן ?״
—„איך וועל דיר זאָגן, קום נענטער צו.״
—„דזשיל, ביזט אַ „לעידי״ ? זע ווי דו ליגסט !״
—„דזשעק, אַ, דזשעק, אַ, פיינער מאַן וואָס דו ביסט !״

(דריטער טייל):

די אַרבעטער־פּאָר דזשים און דזשעין

—„האָסט, טייערע, צום עסן וואָס גרייט ?"
—„נעכטיקע זופּ און קיין סענט ניט אויף ברויט."
(אַמעריקע, אַמעריקע !)
—„וואָס וועט מען טאָן, ווען עס קומט אָן דער רענט ?
פּוטער אַ פונט געשטיגן צען סענט."
—„ניטאָ קיין דזשאַב, כאָטש וויין און בעט."
—„דזשים, ביסט —געקומען אַזוי שוידערלעך שפּעט."
—„איך גיי און איך זוך, ביז עס ברעכט יעדער גליד."
—„קום, זעץ זיך צום טיש."
—„איך בין אַזוי מיד."

—„דו ציטערסט, דזשים, ווי בלאַס דו ביסט —!"
—„זיך לייגן און שטאַרבן, דאָס אַלץ וואָס איך וויל."
—„דו וועקסט אויף די קינדער, איך בעט דיך, זיי שטיל."
—„איך האָב אַזאַ ווייב געווים ניט די ווערט."
—„רעד ניט אַזוי, איך ווייס, ס'איז דיר שווער."
—„איך בין נאָך ניט פאַרטיק, אומזיסט, אויב דו מיינסט !"
—„גאָט אין הימל, דזשים, דו וויינסט ! —
קום זיץ לעבן מיר, דו אָרימער דו !"
—„דו פלאַנטערסט דאַך קוים אַליין מיט די טריט."
—„ווען דו ביסט מיט מיר, בין איך קיינמאָל ניט מיד."

—„פאַרלעש די ליכט, עס ברענט —צו שטאַרק."
(אַמעריקע)
—„געדענקסט, ווי מיר האָבן באַקענט זיך אין פּאַרק ?"
(אַמעריקע)

—דו אויף דער באַנק און איך לעבן דיר."
—„און איך לעבן דיר."
—„דו האָסט אָנגעהויבן פּרי'ר."
—„ניין, דו האָסט פּרי'ר."
—„דזשעין ,איך קען שווערן, אַז דו האָסט געפּלירט."
—„האָסט דער ערשטער געזאָגט : האו דו יו דו
און מיין אָרים באַרירט."
—„איך בין איינזאַם געווען, ס'איז געווען אַזוי שווער !"
—„בין איך ניט געווען דאַן, איינזאַם, מיין הער ?"

—„דו ביסט געזעסן, ווען כ'בין געקומען צו גיין,
אומבאַוועגלעך אַזוי און קאַלט ווי פון שטיין".
—„וואָס קען אַ מיידל דען זאָגן, מען זאָל זי שלעכט ניט
פאַרשטיין ?"
—„דו האָסט געקענט דאַן אויפשטיין און מיך לאָזן אַליין."
—„איך האָב ניט געהאַט דאַן קיין קראַפט, קיין פאַרלאַנג."
—„מיר זיינען געזעסן, ווער ווייסט דאַן ווי לאַנג."

—אַוועק שוין, דאַכט זיך, הונדערט יאָר, פון יענעם גליק".
(אַמעריקע !)
—„מער ווי טויזנט יאָר צוריק און — "
—„דו האָסט מיך געקושט, נאָך איידער דו האָסט מיין
נאָמען געוואוסט."
—„דזשעין, דו האָסט ניט געווערט זיך, מיין טייערע, ניין."
—„מיר האָבן חתונה געהאַט — ווי שנעל אַלץ פאַרלויפט !"
—„פעק באַלעבאַטישקייט אין צען סענט סטאָר געקויפט."
—„איך האָב דאַן געאַרבעט."
—„און איך אויך."
—„מיר זיינען יונג געווען."
—„און גליקלעך אויך."

—„דו ביסט געווען גליקלעך, דזשים.״
—„און דו, דזשעין.״
—„דאַן זיינען די קינדער געקומען צו גיין.״

—„גאָט, ווי איך האַס, אָט די לוויזיקע שטאָט !״
(אַמעריקע !)
—„זיץ, דזשים. קום, זעץ זיך צוריק.״
—„בין איך אַ לא יצלח ? צי פויל איך זיך, דזשעין ?
איך זוך און איך הער נאָר דעם פאַרשאָלטענעם : ניין.״
—„פאַל ניט אַראָפּ ביי זיך, טייערער, הער :
ס׳איז פול די וועלט מיט מיליאָנען ווי דו — און מער—״
—„וואָס האָט מען געטאָן מיטן געלט ? און שולדיק איז
ווער ?״
(אַמעריקע !)

—„יאָ, שולדיק איז— ווער ?״
—„זיי האָבן אַלץ, און וואָס האָבן מיר ?
מיט וואָס פאַר אַ רעכט, ווען איך הונגער און פריר !״
—„איך בעט דיך, גענוג—״
—„ניין, זאָג, ווי קען איך דען שווייגן, עס פייניקט ביז ווײ ;
ווען כ׳זע ווי דו פּיצלסט אַ מאַלצייט, אויף אַ טאָג
און אויף צוויי !—
—„דו ווייסט, ווי איך ליב דיך, איך וואָלט אַלעס געטאָן—״
—„רעד ניט !״
—„איך וויל, און איך וועל, נאָך מער ווי איך קאָן.״
—„ דו שניידסט מיר מיין האַרץ—״
—„ניין, הער אויס : איך אַרבעט ווי דו, כאָטש איך
אַרבעט אין הויז.״
—„דו אַרבעטסט ווי איך ? וואָס טו איך דען, וואָס ?—

איך שלעפּ זיך אַרום פון הונט־באַלעבאָס
צו הונט־באַלעבאָס

„און הער נאָר דעם אויסרייד: „ס׳איז קיינעם ניט גוט!"
ס׳איז קיינעם ניט גוט — דאָך פרעסט ער און רוט,
און איך זוך אַ דזשאָב, ביז יעדער אבר מיר ברעכט:
„עס איז קיין אַרבעט ניט צו שווער פאַר אייער קנעכט,
זאָל זיין — פאַר קליינעם לוין, כאָטש עפּעס מיר באַצאָלט.
צו ברענגען אַהיים און זען דיך ווי אַמאָל,
ווי דו טאַנצסט אַ פריילעכע ווידער אַרום."

—„הער, דזשים, איך לאָז זיך מאָרגן אַרויס פון דער „נעסט":
איך וועל זוכן אַ דזשאָב—"
—„וואָס מיינסטו, — דו וועסט?"
—„דזשים, וואָס קוקסטו אַזוי? מיין ליבער, מיין פרייד."
—„איך זאָל מער ניט הערן, פון דיר, אָט די רייד!"
—„דו וועקסט אויף די קינדער, פאַרליר ניט דעם קאָפּ."
—„אין דר׳ערד מיט די קינדער, מיט אַלץ וואָס איך האָב!"
—„וואָס האָב איך געזאָגט דען?"
—„ניט קאָך זיך און שטום!"
—„ווער קאָכט זיך דען, דזשים? קום שלאָפן שוין, קום."
—„ניט ביי דיין לעבן! שוין בעסער דער אייביקער שלאָף!"

—„גאָט אין הימל, דזשים!"
—„זאָל נעמען צו אַלעם אַ סוף!"
—„זע, עס שטייט דער זופּ אויפן טיש — און אויב קיין ברויט איז דאָרט—"
—„דערמאָן נאָכאַמאָל: ברויט, איז דיין טויט אויפן אָרט!"
—„כ׳האָב גאָר ניט געמיינט, דזשים, לאָז אָפּ מיינע הענט!"
—„האָסט גאָר ניט געמיינט, נאָר: פּוטער ווערט טייער,
און וואו נעמט מען אויף רענט."

—„נײן, דזשים, נײן, עס דאַכט זיך דיר אױס.״
—„גאָט, װי איך האַס דאָס פאַרשאָלטענע הויז,
דאָס מעבל, דעם אױװן, דעם סינק און די רער!״
—„דזשים, קום צוריק, דו ליבסט מיך ניט מער.״
—„רעד אַ װאָרט נאָך פון ליבע — און דו װעסט—״
—„שױן בעסער די גאַס.״
—„צום טײַפל, דו װײסט װאָס דו רעדסט?

װאָס איז מיט אונז ביידע, האָ׳מיר פאַרלױרן דעם זין?״
—„מײַן אָרימער יונג דו—״
—„װי אוממענטשלעך איך בין,
איך האָב װי מיט מעסערס געשניטן דײַן לײַב.״
—„דו ליבסט מיך, דזשים?
—„עמיצער, עמיצער, שיק אונז—״
—„אַ דזשאַב װער עס האָט.״
—„דזשים, בעט גאָט, בעט גאָט פאַר אַ דזשאַב.״
—„דזשעין, בעט דו, כ׳האָב קײנמאָל פון גאָט ניט גערעדט.״
—„נײן, ניט צו גאָט און ניט דורך געבעט.״

—„דזשעין, דערלאַנג מיר דײַן האַנט, ניט שטײ אַזױ װײַט.״
—„װי דו זעסט אױס, געטרײַער—ביסט װײַסער פון קרײד.״
—„איז קאַלט דיר, געליבטע? עס ציטערט דײַן האַנט.״
—„װאָס האָט מען געטאָן, מיטן גאָלד פונם לאַנד?״
—„זײ טױטן דיך, דזשעין, פאַרװאָס קומט עס דיר דען?״
—„זײ טױטן דיך, דזשים, פאַרװאָס און פאַר װען?״
—„צי האָט מען קײן רעכט ניט, אױף אַ װינקל
און אַ בעט?״
—„רעכט אױף שװאַרצן ברױט צו זעט?״
—„רעכט צו ליבן כאָטש אַ רגע פאַרן טױט.״
—„די אָרימע קינדער פאַרזאָרגן מיט ברױט.״

—„דזשעין, איך הויב אָן פאַרשטיין, מיין ליבע, מיין פרוי,
„דער קאַמף איז דער וועג—"
—„ווי אַזוי, ווי אַזוי ?"
—„זיך שטעלן קעגן שונא, קעגן באָס און דער קירך."
—„מיט דיר, האַנט אין האַנט, די קינדער און איך."
—„צו גאָט און צו באָס אַן אַרויסרוף איך וואַרף."
—„און גרייט אויך צו שטאַרבן, אויב נאָר מען דאַרף."
(אַמעריקע !)

לייענענדיק לענגסטאָן יוהז

I

אַז אַנדערע זאָלן לעבן

אין אָנדענק פון דעם יונגן העלדישן קעמפער יאַשע שיפּמאַן, געפאַלן אין קאַמף קעגן פאַשיזם אויפן פרייהייט־פראָנט אין שפּאַניע. זיין פאָטער אַ טרייסט

בלוט —
צו יונג־בליענדיקער מאָן,
פייער־פלאַמען,
אַ רויטע פאָן,
דאָס לעבן אַליין
און אפשר — אַלעס צוזאַמען.

דער ים אינמיטן —
אַ האַלבער קאָנטינענט.
גרעניצן.
בערג־שפּיצן —
מיט די הענט
די הימלען צו דערלאַנגען.
ניין —
האָבן רעגירונגען געזאָגט —
ניט גיין!
איך בין יאָ געגאַנגען . . .

אויף דער גרעניץ
פון דער ליכטיקער וואָר
האָב איך דערגרייכט
די העכסטע הויכן.
איך האָב מיט מײַנע הענט
אַוועקגעגעבן
מײַנע צוויי־און־צוואַנציק יאָר
אַנדערע זאָלן לעבן.
וואָלט איך לעבן הונדערט יאָר,
וואָלט איך מערער ניט געקענט
דערגרייכן.

און ווען דער שרויט
האָט אַ צינד געטאָן מײַן האַרץ,
האָב איך אַליין ניט געוואוסט,
צי ס׳איז בלוט, וואָס סע׳ שטראָמט,
צי אַ פאָן, וואָס איז רויט,
צי אַ פײַער, וואָס גליט,
צי ס׳האָט מײַן טויט זיך צעבליט
אין אַ נײַ לעבן.

ווײַל, טאַטע, מײַן חבר,
דאָס אַלעס איז איינס —
אונזער פאָן,
מײַן טויט,
אײַער לעבן.

II

אַ נעגער־אינגל זינגט אַ ליד

אין שטרייפן דער אָנצוג,
לאַקירט די שיך
און ברוינט אַ שטיק.
געמאַכטע פרייד,
און חוזק־גאַנג,
אַ טאַנץ, אַ דזשיג
און צוגעקלאַפּט
מיט דעם אָפּצאָס!
אַזוי פאַרשריי איך
און פאַרלאַך
מיין וויי, מיין „בלוז"
מיט געלעכטער פון פּאַיאַץ.
"Nobody knows,
The trouble I have seen — — —

וואוהין זאָל איך אַנטלויפן?
וואוהין זאָל איך אַוועק
פון זייער ווייסער וועלט,
פון מיינע שוואַרצע טעג?
דורות לאַנג שוין
טאַנץ איך אויס
דעם טאַנץ פון בייטשן־פייף
און שטריק געדריי.
דעם טאַנץ פון „בלויען" וויי.
איך לויף פאַרויס
דעם לינטש־פּאַראַד —
אַ שוואַרצער האָז

פון ווייסע הינט געיאָגט
אין יאַגד־געיעג.

— אַלע מיינע יאָרן,
אַלע מיינע טעג,
זינט איך האָב דערקענט
דעם ווייסן האַר,
לויערט אַויף מיר אומגליק,
לויערט מיט געפאַר,
בין איך פלייש נאָר צום פאַרקויף,
און כסדר לויף
אין שאַנד־פאַראַד.

— מיין לייב און מיין בלוט
אַן ענדלאָזער פּליאַד
פון אַפריקע־דזשאַנגל
ביז זאַמדיקן סטעפּ;
מיך מיט אייזנס געברענט,
מיך אין קייטן געשלעפּט.

— פון קאָטן־פעלד ביז קוילן־שאַכט
דעם רוקן געבויגן,
געטריבן פון האַס,
שלעפּ איך לאַסט פאַר ווייסן האַר
צום טאַקט פון קלעפּ.
חוזק — מיין לוין
און הפקר מיין לייב,
אין רגע׳ס פון רו,
איז קאָרטן שפּיל און קרעפּ
— מיין צייט־פאַרטרייב, מיין שפּיל
Sometimes I feel
Like a motherless child. — — —

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן,
וואו־זשע זאָל איך גיין,
כ׳זאָל ניט זיין אַזוי פאַרהאַסט,
כ׳זאָל ניט זיין אַזוי פאַרלאַכט —
אַזוי מורא׳דיק אַליין ?
ווי פאַר׳כישוף׳ט אין אַ קרייז :
שוואַרצער, צאַפּלדיקער פּיין
אין אַ וועלט פון רשעות׳דיקן ווייס.

איך האָב אומזיסט געוואַרט
איך האָב אומזיסט געהאָפט
אויף יענע רייכע לייט,
זיי האָבן זיך גערייצט
און פון האַר צו האַר,
ווידער מיך פאַרקויפט.
איך האָב געמיינט,
עס וועט ניט קומען גאַר קיין סוף,
עס וועט ניט קומען צו קיין ברעג,
ביז איך האָב אַמאָל דערהערט
אַזאַ גליענדיק געזאַנג :
"From Atlantic to Pacific—" — — —

אונטער מיינע טריט
געציטערט האָט די ערד.
עס האָט מיין הויט פון פרייד געברענט
ווען כ׳האָב צום ערשטן מאָל
געהערט די רייד
פון יענעם ווייסן מאַן
מיט מאַזאָליעדיקע הענט :
Close ranks,
American Workers. — — —

איך האָב דערקענט אָן זיינע רייד,
איך האָב דערפילט אין זיך אַליין —
עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד
צווישן מיר און אים ;
דאָרט זיינען מיר געשטאַנען
טויזנטער צוזאַמען — ווייס און שוואַרץ,
עס האָט אַ ברען געטאָן ביי מיר אין בלוט
זיין רוף :

Stand guard slaves
Black and White — — —

איך האָב דערפילט —
מיין הויט איז זון,
און וואָס איז פיין !
און וואָס איז טויט !
עס גליט דאָס ליד

ביי מיר אין בלוט,
עס ברענט דער רוף —
ברידער מיינע, וואַכט שוין אויף
שוואַרץ און ווייס
שוואַרץ און ווייס
שוואַרץ און ווייס.

Stand guard slaves
Black and White.

VIII

אַלט און ניי היים־לאַנד

צווישן גרעניצן

(אַ וויגליד)

שאַ—האַ, האַ—האַ, האַ—האַ, האַ.
עס שפּילט די וועלט מיט אונז — אַ שפּיל אַזאַ, —
אַ בייזן שפּיל אַזאַ.
אַ שפּיל אַזאַ — מיין קינד . . .

דער טרייבט אונז אַהין. דער טרייבט אונז צוריק.
עס טרייבט אונז אַ וועלט אום קאַטאַסטראָפע.
איך אַן אַ היים און דו אָן אַ וויג —
יאָגן אונז לענדער, מיט וועלפיש געוואָי,
אַהין און צוריק.

וויג איך דיך, קינד מיינס, צווישן גרעניצן — צוויי,
צווישן גרעניצן צוויי — אין ווינט און אין שניי . . .

שאַ—האַ, האַ—האַ, האַ—האַ, האַ.
זיי האָבן אין זומפּלאַנד פאַרפּייניקט דיין פּאַ —
אַ שפּיל דאָרט אַזאַ.
אַ שפּיל אַזאַ — מיין קינד

און מיר זיינען הפקר, אַ ציל נאָר צו שפּאָט —
פֿאַרוועדט האָט די וועלט אונז צו שטיין אויף דער ערד —
שטיי איך, מיין קינד, דאָ, מיט באָרפיסן טראָט
אויפן שאַרף פֿון דער שווערד,

אויפן שאַרף פֿון דער שווערד, אין ווינט און אין שניי, —
אין ווינט און אין שניי — צווישן גרעניצן צוויי.

שטילער, אוי שטילער, אוי שטילער דו ווינט!
עס שלאָפֿט שוין די מאַמע, און עס שלאָפֿט שוין דאָס קינד.
פֿון שניי איז דאָס קישן,
פֿון זילבער די דעק —

לאָז זיי דאָ שלאָפֿן און טראָג זיך געשווינד,
טראָג זיך, אוי טראָג זיך, דו ווינט
איבער ימים און לענדער און וועק זיי און פֿרעג:
צי זיינען זיי טויב דאָרט, צי בלינד —

טויב צום געשריי און בלינד צו דעם וויי,
פֿון מאַמעס און קינדער, צווישן גרעניצן צוויי...

פליכטלינג־ליד

פון די פלאַמען אין די כוואַליעס —
וועלן אונז יאָגן אין געלויף:
עפנט פאַר אונז אויף די טויערן —
עפנט, עפנט, עפנט אויף!

ווער קען מעסטן אונזער אומגליק,
ווער קען מעסטן אונזער פּיין?
ווער צו אונזער גרויסן ווייטיק,
קיינמאָל גאָר קיין סוף ניט זיין?

שלעכט געווען איז אין מצרים,
אונטער פרעה׳ס שווערן יאָך.
אונז איז ערגער, ערגער, ערגער —
טויזנט מאָל, אוי, ערגער נאָך!

פון די פלאַמען אין די כוואַליעס —
וועלן אונז יאָגן אין געלויף:
עפנט פאַר אונז אויף די טויערן —
עפנט, עפנט, עפנט אויף!

אַ סוחר אין אַמעריקע

איך האָב דערקענט — ס׳האָט אים געפרייט
וואָס כ׳בין אַריינגעקומען.
ער האָט מיין האַנט גענומען
אין זיינעביידע הענט,
האָט וואַרעם זי געדריקט
און האָט אַ פריילעכער געזאָגט:
— „איך ווייס, איר זיינט געקומען בעטן געלט.
נו, וואָס דען ווער איר אין מיטן טאָג
דאָ טאָן ביי מיר אין קראָם?
איך האָב מיר שוין אַזאַ מין כלל,
אַז ווען איר קומט פון אייער געגנט
אַזש אַהער, נאָך אין אַ טאָג אַזאַ,
ווען אין דרויסן רעגנט,
איז דאָס זיכער נישט צו געבן מיר צו לייזן —
נאָר פאַרקערט...

— ער האָט אַ לאַך געטאָן —
איאָ, איך האָב געטראָפן?
איך קען שוין מיינע קונים —
מען קומט אַהער פון אומעטום נאָך געלט. —
נישט מער, אויף אַלע מיינע שונאים
וואָס מען קען איצט ביי מיר קריגן;
אַז אַלץ איז דאַנקען גאָט אין דר׳ערד...
איר הערט? איך זאָל אַזוי דערלעבן

גיין אַהיים צו מיינע קינדער
ווי כ'זאָג אייך ניט קיין ליגן, —
אַז כ'האָב שוין ניט געצאָלט קיין רענט
דעם דריטן חודש.

מען זאָגט, אַ שלעכטע צייט,
מען דרייט זיך דורך אַ ווייל...
מען לייט, מען באָרגט...
אַז איצט איז גאָר קיין סוף ניטאָ!
גיי זיך מיט צונויפגעלייגטע הענט,
קוק אויף די ליידיקע ווענט
און האָף אויף בעסערע צייטן...

אודאי, פון דערוויטן קען מען מיינען —
ער האָט אַ קראָם, ער טרייבט אַ פאָרד אַן אייגענעם,
אַן אייגענעם;
זאָל איך ניט אויפשטיין פונם אָרט,
אויב כ'האָב אַ סענט אַן אייגענעם.
אַז סך־הכל איז דאָס העמד אויף מיין לייב
שוין אויך ניט מיינס...
און אָט דער טאָלער, וואָס איך גיב אייך איצט,
איז גאָטס און פרעמדס.
ז י צ ט!..

צייט איז דאַנקען גאָט פאַראַן גענוג
און לייזן לייזט מען ניט קיין סענט.
מען זאָל עס זען אַ גאַנצן טאָג,

אַ הונט אַ משוגע'נעם —
נאָך גוט וואָס איר זײַנט איצט אַרײַנגעקומען...
אַז נישט, כאָטש זיך און רייד מיט זיך אַליין,
צי מיט די ווענט, —

נעבײ וואָלטן דאָס בײַ מיר שוין צוגענומען,
וואָלט איך פאַרשפּאָרט צו ווערן גרוי פון זאָרג —
נאָר ליי און באָרג און באָרג און ליי,
ווי איר זעט מיך לעבן,
נעמט צו בײַ מיר די קראָם,
גיי איך מאָרגן אַרבעטן...
נישט מער, ס'איז קיין אַרבעט אויך נישטאָ...
כאָטש גיי און שטעל זיך דאָרט אַוועק
אין לאַין פון אַרבעטלאָזע. . . .
איר הערט ?
עפּעס וועט מען דאַרפן טאָן! . . .
— — — — — — — — — — — — — — —
און דאָ האָט זיך דער איד
פאַרגעסן אָן זײַן קראָם, אָן מיר,
און זיך פאַרקלערט
וועגן דעם, אַז עפּעס —
עפּעס וועט מען דאַרפן טאָן. . . .

נײַ־הײם

I

עס איז שוין אונזער לעבן מער ניט הפקר
און איבער אונזער קאָפּ, ווערט דאָ אַ דאַך געבויט.
ניטאָ שוין מער דאָס מעקלערל, דער פאַקטער
מיט גלייכער פּלייצע זיצט דער טאַטע אויפן טראַקטאָר
און פון בידזשאַנער קאָרן באַקט די מאַמע ברויט.

עס זיצט דער טאַטע אויפן טראַקטער,
די מאַמע העלפט די קינדער צו אין פעלד.
אַ שוועסטער ענדיקט שוין אויף דאָקטאָר
און ביי דער גרענעץ וואַכט אַ זון, אַ העלד.

פאַרוואַרפן האָבן מיר דעם וואַנדער־שטעקן,
מנחם מענדל חלומ'ט דאָ ניט, ווי צו ווערן רייך,
מיר האָבן פאַר פּרנסה דאָ קיין דאגה,
אונז נערט די ערד, פאַבריק און טייגע.
מיט אַלע פרייע פעלקער זיינען מיר איצט גלייך.

II

אונזער לעבן — ניי געבוירן.
פול מיט זון און זין איז אונזער זיין —
זים איז אונזער מי.
מיר האָבן אונזער עלטער אויפן וועג אַהיים פאַרלוירן
און מיר בויגן מער פאַר קיינעם ניט די קני.

אונזער טראָט — אויף נייע וועגן.
פריי איז אונזער גאַנג און ניי אין האַנט —
דאָס שטאָלענע געצייג,
אונז קומט דער טאָג מיט בלי און גלי אַנטקעגן,
עס שטרעקט צו אונז דער בוים מיט פרייד זיין צווייג.

ד ע ר איז זיך אַליין אַ שונא,
ווער עס שעלט דאָס לאַנד פון אונזער נייע-היים,
ד ע ר פאַרשעלט זיין אייגענעם געביין,
בלייבן וועט ער מעקלער — צווישן סוחר און דעם קונה,
שטענדיק וועט ער מיט דער טאָרבע איבער הייזער גיין.

IX

פון מיין אַמאָל

א

מיינע ערשטע לידער

1910—1915

ב

אַזוי האָב איך געוואָלט פאַרדעקן דעם אומרעכט פון דער וועלט

1920—1925

א

מײנע ערשטע לידער

1910—1915

■

מיט טויזנטער פעדים בין איך צום מענטשן געבונדן

איך װײס ניט, צי פֿאַרשאָלטן האָט מיך גאָט,
און אפשר מיך געבענטשט ער האָט;
אַז מענטש׳ס נויט און פּײן, װאָס ער אַלײן
באַגרײפֿט גאָרניט, זאָל איך פֿאַרשטײן
און פֿילן גאָר זאָל איך דעם װײ פֿון זײנע װאונדן.

איז מענטש אַ קנעכט, זאָל איך די שקלאַפֿן־קײטן טראָגן
און פֿאַלן אונטערן שװערן לאַסט פֿון יאָך,
װאָס ער, דער מענטש, מאַכט שװערער נאָך;
און פֿילט ער ניט דעם שפּײ צו אים געריכט,
דאַן פֿאַלט דער שפּײ אױף מײן געזיכט.
בײם איך די ליפּ פֿאַר שאַנד און בײג דעם קאָפּ דערשלאָגן.

און קום צום מענטשן איך, פֿאַר אים זײן אײגן װײ דערצײלן,
װי פֿיל ער לײדט אומזיסט, װי טיף און גרױס
זײן עלנט איז — לאַכט ער זיך אױס
פֿון מײנע רײד און ס׳בלוטעט דאַן בײ מיר אין האַרץ
די װאונד נאָך מער װי פֿריער
און כ׳האָב אפֿילו ניט מיט װעם מײן שמערץ צו טײלן.

און טרעפט, עס קען דער ווײ אין האַרצן מער ניט שטײגן
דאַן שעלט דעם מענטשן איך און ברען און גלוסט,
צו גראָבן מײַנע צײן אין מענטשנס ברוסט
און ברומען, רײַסנדיק מיט זײ,
פון מענטשנ׳ס האַרץ אַ ווײ־געשרײ —
ווײל מער נאָך פון זײן קרעכצן, פײניקט מיך זײן שווײגן.

נאָר פון אַ צווײט געפיל באַלד ווערט מײן זעל געפאַנגען,
אַ צאַרטער אומעט, ווי דאָס גלאָקן־קלאַנג
פון קלויסטער, הילט דאָס האַרץ מײנס באַנג,
און גוט ווערט מיר אַזוי, און שלעכט נאָך מער,
איך ליב דיך מענטש, איך ליב דיך זײער,
פון ליבעס אומעט ווערט דאָס האַרץ מיר שיעור צעגאַנגען.

עס קרעכצן די מענטשן אין חושך

1

איך טראָג אין מיין האַרצן פיל אוצרות באַהאַלטן,
פיל לויכטנדע זונען.
פאַרשלאָסן איז אָבער דאָס האַרץ מיינס
און כ'קען ניט דעם שליסל געפינען.

איך הער ווי עס קרעכצן די מענטשן אין חושך.
זיי שעלטן און שרייען,
גראָב טיף איך די ציין אין מיין האַרצן
און כ'קען ניט די זונען באַפרייען.

כ'וועל טראָגן מיין האַרץ צו די מענטשן
און וועל זיי דורך בעטן באַפעלן;
זיי זאָלן דאָס האַרץ מיינס צעברעכן
און כ'וועל זיי די אוצרות צעטיילן.

2

עס האָבן די מענטשן ניט איינמאָל
געפּרופט מיר פאַרצאַמען
די וועגן צום גליק
און ניט איינמאָל געפּרופט מיר פאַר'סמ'ן,
מיט יאוש מיט שוואַרצן,
די לויטערע טענער פון לעבן,
די פריילעכע קלאַנגען,
וואָס האָבן אין האַרצן אין מיינעם
געזאָלט זיך פאַרוואַנדלען
אין פריידנס געזאַנגען, אין שאַלנדע לידער.

און האָב איך שוין ענדלעך
צום גליק זיך דערשלאָגן,
מוז איך קעגן מיין ווילן
אין גאַס צו די מענטשן עס טראָגן
און זיי עס צעטיילן.
און כ'קען ניט די פריידנס־געזאַנגען
אין האַרצן באַהאַלטן,
כ'מוז זיי דערציילן,
די זעלביקע מענטשן,
וואָס האָבן ניט איינמאָל געשאָלטן
מיין פריידנס באַגערן.

דערוואַכונג

איך האָב דערוואַכט און האָב דעם לעבנס זין באַגריפן
קלאָר און ריכטיק.
אין האַרצן האָבן זונען אויפגעלויכטן שטראַלנד, ליכטיק.
ווילט זיך יעדן סודות גוטע רויִמען אויפן אויער,
און זיך בעטן האַרציק: זאָרג ניט, מענטש, ניט טרויער.

איצט יובל'ען אין מײַן האַרצן טויזנט העלע לידער.
ריזן כוחות, דאַכט מיר, שטראָמען רווישיק אין די גלידער,
און עס ווילט זיך צו דעם מענטשן קומען און אים בעטן:
וואַרף שויִן, מענטש, דעם יאָך אַוועק, צערײַס שוין דײַנע
קייטן!

ב

אַזוי האָב איך געוואָלט פאַרדעקן דעם אומרעכט פון דער וועלט

1920—1925

איך פרעג ניט דיינע וועגן

און ווען אפילו מיר געפעלט נישט, —
ווער בין איך, וואָס איך זאָל פרעגן דיינע וועגן
אין דעם סדר פון דער וועלט? — —
איך בין ד ע ר, וואָס זאָל דיך פרעגן —
נאָר איך פרעג נישט —
מיר געפעלט...

און מעג דעם מענטשנס זיין,
אין גליק און אומגליק זיך צעטיילן,
ווער בין איך, וואָס איך זאָל ווײלן
צווישן אומגליק און דעם גליק? — —
א י ך בין ד ע ר און א י ך זאָל ווײלן
נאָר איך ווייל נישט —
אַלץ איז גליק...

זאָגט מײַן פֿרוי

זאָגט מײַן גוטע פֿרוי צו מיר אַזוי :
— זע, מען לאַכט פֿון אונז — — —
דו האָסט פֿאַרקויפֿט דײַן טאָג צום גאַסן־הענדלער
און דעם לוין צעטיילט — — —
און נויטבאַדערפֿטיקע קומען מער און מער
צו אונזער אָפֿענער טיר . . .
וואָס וועט זײַן ?
וואָס וועט זײַן ?

זאָג איך צו מײַן גוטער פֿרוי אַזוי :
איך ווייס, מען לאַכט פֿון אונז,
עס וועט די צייט אַ היילונג שיקן
צו זייער שלעכט און קראַנק געמיט — — —
וואָס פֿאַר אַ ווערט האָט זייער שפּאָט
קעגן אונזער פֿרייד,
ווען מיר צעטיילן אונזער מי און לוין — — —
לאָמיר האָבן כּוחות נאָר
פֿאַר מי און אַרבעט
און אַלץ וועט גוט זײַן !
אַלץ וועט גוט זײַן !

אַזוי

עס האָט אַזוי צו מיר געזאָגט מיין גוטער טאַטע,
גיי, און שפּיל זיך,
און וואָס איך גיב דיר מיט,
זאָלסטו צעטיילן צו די קינדער
און אויב עס וועט דיר פעלן נאָך
וועל איך דיר געבן,
ווייל קיינער קאָן נישט איבערציילן
מיינע אוצרות,
און אַלע אוצרות זיינען דיינע,
גיי און שפּיל זיך — —

עס האָט אַזוי צו מיר געזאָגט מיין גוטער טאַטע,
גיי און שפּיל זיך.
און ווייל אַ קינד דיין אייגן שפּילצייג,
גיב אים — דו ביסט גרעסער,
און וועט אַ קינד דיר שלעכטס טאָן,
זיי דו בעסער און פאַרגיב אים,
ווייל דאָס אויג מיינס וואַכט און היט
דיינע טריט אויף דער ערד,
גיי און שפּיל זיך.

עס וועט אַלץ נאָך גוט זיין

עס זאָל מיין שמייכלנדיקער בליק
פאַר אייך אַזוי באַטייטן:
עס וועט אַלץ נאָך גוט זיין,
עס וועט אַלץ נאָך גוט זיין.
און אויב עס דרייען זיך אומזיסט
די פליגלען פון מיין ווינטמיל
און ווי אין זייפנבלאָזן־שפּיל:
אָן זין, אָן ציל,
פאַרגייען מיינע טעג און נעכט,
איז דאָס געוויס פאַר מיר אַזוי באַשערט.

איך ווייס, איך ווייס,
אַז דאָ אויף אייער טומלדיקער ערד
איז נישט קיין פּלאַץ פאַר שפּילעריי.
נאָר סיי ווי סיי
דערפילן מיר, — אי איך, אי איר —
דעם גוטן ווילן
פון אַ ליכטיקן גענאָד.

און קאָרבן זיך אפילו טיף און טיפער
די קנייטשן אין מיין שטערן,
און ווערט אפילו פאַר דער צייט
דער יונגער קאָפּ מיר גרוי.
איז גוט אַזוי,
איז גוט אַזוי,
איז גוט אַזוי.

עס זאָל מיין שמייכלענדיקער בליק
פאַר אייך אַזוי באַטייטן.

איך וועל קומען

זע:
דו האָסט אַליין באַוויליקט מיר
מיין זיין דאָ אויף דער ערד
און פון דער ערשטער רגע פון מיין קומען
האָב איך שוין אין אַלץ פאַרנומען
דאָס ליד פון דיין חרטה...
און וואו איך קער און ווענד מיין בליק
רופט דיין בענקשאַפט מיך צוריק...

זע: —
דו האָסט אַליין באַוויליקט מיר
מיין זיין דאָ אויף דער ערד
און האָסט אַליין באַשטימט פון ווען ביז וואַנען.
איצט האַלטסטו מיך אין איין דערמאַנען
אַז איך זאָל קומען
און זינט איך האָב דיין רוף געהערט,
בין איך פרעמד דאָ אויף דער ערד...

אין אַ רגע פון פאַרצווייפלונג
און פון אומגעדולדיק וואַרטן
האָסטו מיך געשטעלט צום פּרואוו —
האָסט מיך איבערגעענטפערט
צום שונא אין די הענט,
און אַלע אוצרות
וואָס איך האָב פון דיר געבראַכט
האָט ער פאַלענדט...

מיינע טעג — פאַרקנעכט,
און מיינע נעכט פאַרברענט —

פאַרוואָס —
האָסטו געשטעלט דיין קינד צום פּרואוו,
דורך שטראָף
וואָס קומט פון שונא'ס הענט ?
ווייל אויב דיר איז אין דעם געווענדט
אַז איך זאָל קומען,
דאַרפן פרעמדע הענט מיך פירן
צו דערפילן דיין פאַרלאַנג ?
מיט מיין גוטן ווילן
און מיט שפּילעוודיקן גאַנג,
וועל איך קומען צו דערפילן
דיין פאַרלאַנג...

זע, —
אָט ציען אַלע מיינע קאַראַוואַנען
אויפן וועג צו דיר,
עס איז נאָך עפּעס אויף דער ערד
אַזוינס פאַראַנען,
וואָס איך דאַרף זיך נאָך דערמאָנען,
וואָס איך דאַרף און מוז דערציילן אין דיין נאָמען,
עפּעס האָב איך דאָ נאָך אויפצומאָנען,
און צו אַנדערע צעטיילן...
איך דאַרף זיך נאָך, מיר דאַכט,
מיט עמיצן באַגעגענען,
מיט עמיצן געזעגענען,
און איך וועל קומען,
איך וועל קומען,
איך וועל קומען...

דו נאַרישער טויט

טויט, דו נאַרישער,
דאָס לעבן האָט פאַרנומען אַלע ברייטע וועגן
און דו, שאַרסט זיך אום ביי וואַנט און פלויט: —
וואו עס עפנט זיך אַ טיר —
גנב'עסטו זיך שטיל אַריין . . .

דיינע וועגן פירן דורך אַ פרעמד און פיינטלעך לאַנד,
עס האָט דאָס לעבן אַלץ פאַרנומען,
עס הערשט און באַפעלט
און רייצט קעגן דיר . . .

טויט, דו שטילער און באַשיידענער,
דו האָסט דיין קעניגרייך פאַרלאָזן,
וואַנדערסט אום
און גנב'עסט זיך פאַרביי דורך פרעמדע הינטערטירן.

בעסער גיי אַהיים דו טויט, דו נאַרישער;
שרעק נישט מער די קינדער דאָ,
און זאָל דאָס לעבן פירן ווי עס פירט — — — —

אונזער גוטער זיידע

נישט קיין שוואַרצער רייטער
קומט נאָך אונז צו רייטן.
נים קיין קינדער־כאַפּער
קומט פון ווייטע־ווייטן.

אונזער גוטער זיידע,
וועלכער איז באַגינען
אונז געקומען וועקן,
קומט אונז לעגן שלאָפן.
קלאַפּט ער צו די טריט צו,
מיט זיין אַלטן שטעקן.

ווייל מיר זיינען קינדער,
ווילן מיר נים פאָלגן
ווען דער זיידע קומט אונז וועקן.
טוט ער אונז באַפעלן:
— אויפשטיין!
פאָלגט מען...

קומט דער אָוונט,
ס'איז שוין צייט צו שלאָפן,
וויל מען זיך נישט לעגן.
טוט ער זיך אַ בייזער:
— שלאָפן!
גייט מען שלאָפן...

אונזער אומגליק

עס וועט מיין נאַריש האַרץ מיר מער קיין רו ניט געבן,
אייביק וועט עס ביי מיר מאָנען און צום טויט מיך קוועלן, —
כ'וועל זיך שלעפן איבער רייכע טומלדיקע גאַסן,
ביז די לעצטע כוחות מיינע מיך פאַרלאָזן וועלן.

אין אַ ראָד פון פרעמדע מענטשן וועל איך זיך געפינען,
ווען איך וועל צום ערשטן מאָל אויפעפענען די אויגן,
עפעס וועלן אַלע אַזוי שטיל צעשראָקן ריידן,
און אַ פרעמדע דאַמע שטיין וועט איבער מיר געבויגן . . .

וועט זי שטיל מיך פרעגן, וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן,
וועלן ערגעץ מיינע אויגן בלאָנדזשען אָן אַ זינען . . .
לאַנג וועט עמיץ מיט אַן אומגעשיקטער האַנט באַזוכן
מיינע טאַשן, וועט ער דאָרט מיין לעצטן בריוו געפינען . . .

„אונזער גרויסן אומגליק קען איך מער שוין ניט פאַרטראָגן"
— וועט אַ פרעמדע ציטערדיקע שטימע איבערלייענען.
אין גאַס־גערויש וועט פון אַמבולאַנס דאָס גלעקל זיך
צעקלינגען
און די פרעמדע דאַמע וועט זיך שטיל צעוויינען.

שוואַכע קינדער חלומיען חלומות

שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע וועלן שלאָפן רואיק אין די
ווייכע בעטן,
וועל איך ווי אַן אבל, אין די זאָקן, אויף די קאַלטע
שטיינער טרעטן.
ערגעץ, אין אַ קריסטלעך פרעמדן געגנט,
וועל זיך ביי אַ פּרעמדן מויער זעצן, אויף אַ מאַרמאָר־טרעפּ
אַ ווייסן,
זיך מיט אַש דעם קאָפּ באַדעקן און אויף אונזער בראָד,
זיך קריעה רייסן.

וועלן קליינע קינדער זיך פון שלאָף צעוויינען, מאַמעס
וועלן שטרעקן
אין דער פינצטער ציטערדיקע הענט און שטום פון שלאָף,
די מענער וועקן.
ווייט די אויגן אָפן, וועלן מענטשן
ליגן בלאַס און הערן, ווי איך וועל דעם קאָפּ אָן שטיין
זיך שלאָגן,
קאָפּ אָן שטיין זיך שלאָגן, אין דער שטילער נאַכט, פאַר
שטומע ווענט זיך קלאָגן:

„ווי צו אונזער גרויסן אומגליק! ווי צו אונז, וואָס מיר
אַזוינס דערלעבן,
„הפקר האָט די גאַנצע וועלט אונז צו די חיות רעות
אָפּגעגעבן".
„ווי צו אונזער גרויסן אומגליק!"
אָט אַזוי וועל איך פון גאַס צו גאַס, נאַכט אויס נאַכט איין,
מיין טרויער ברענגען
און מיין שטום געוויין, אַזוי כסדר, איבער פרעמדע
פענצטער הענגען.

וועט אַ זאַט און גליקלעך פאָלק דעם שלאָף ביינאַכט,
די רו ביי טאָג — פאַרלירן.
גרויס און קליין, וועט טיף אין אייגן בלוט און פלייש,
די שווערע שולד דערשפירן.
זין און טעכטער וועלן שפּאָטנד פרעגן:
וויפיל אוצרות גאָלד און זילבער האָט עס אונזער לאַנד
דאָס רייכע צוגעקראַצט
פאַר די ליידן פון אַ פאָלק, וואָס ליגט אין שטויב
צעטראָטן און דערשלאָגן . . .

װעט אַמאָל, בײַנאַכט, אַ פֿרוי, האַלב נאַקעט, מיט אַ טראַט
אַ באָרפֿיס־װײכן,
איבער גאַסן פֿינצטערע זיך יאָגן צו דעם העכסטן גלאָקן־
טורעם גרײכן.
װעלן װילד די גלעקער זיך צעקלינגען.
בײַ די בלינדע פֿענצטער װעלן זיך געשטאַלטן נעמען
שטום באַװײזן.
טירן װעלן נעמען קלאַפּן, בלאַנקען װעט אין לופֿטן שטאָל
און אײַזן.

טראָגן װעלן זיך סיגנאַלן, אין דער אױפֿגעװאַכטער נאַכט,
דער װײַטער.
מיט טרומפּײטער און מיט שאַלן, קומען װעט צעיאָגן
שנעל — אַ רײַטער.
װי מען װאָלט דעם רוף שױן לאַנג דערװאַרטן,
װעלן זין און טעכטער, זיך באַװאָפֿנט שטעלן אין די רײען
און זיך לאָזן אין דער װעלט אַרײַן, אַ שװאַך און הפֿקר־
פֿאָלק באַפֿרײַען.

X

פראָסטע לידער

דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין קינד

ס'אַ טאָג, אַ טאָג!
אוי, האַמער ניט אַזוי, מיין קינד, ניט קלאַפּ,
עס ציט זיך לאַנג גענוג דער אַרבעטטאָג אין שאַפּ —
דער טאָג פון אַרבעטלאָזן ציט זיך לענגער נאָך — —

און דו — ווי טומלדיק דו ביסט!
דו האָסט נאָך היינט קיין רגע ניט גערוט.
איך בעט דיך, קינד, זיי גוט,
זיי גוט — און טומל ניט אַזוי — —

באַלד קומט אַהיים פון שאַפּ די מאַמע.
ס'איז היים אַזוי — — זי אַרבעט שווער — — איך וויים.
דערפאַר, ווי גרוים וועט זיין איר פרייד,
ווען זי וועט זען, ווי ריין ס'איז אויפגעראַמט
און אויפן טיש איז סאַפּער גרייט — —

זי האָט זיך עפּעס היינט פאַרזאַמט.
געווים אַ מיטינג אומגעריכטערהייט.
שאַ, לאָמיר גאָר צום פענצטער גיין
און זען, צי די מאַמע גייט.

דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין קינד
וועגן דער זון און וועגן ביליקן רענט

די זון פאַרגייט — —
דו זעסט, ווי שיין דער הימל ברענט!
מיר האָבן גוט געטאָן,
וואָס מיר האָבן זיך פאַרקליבן אַזוי הויך.
ניטאָ קיין ווענט,
וואָס זאָלן אונז דאָס ליכט פאַרשטעלן.
ס'איז גוט צו זען פאַר זיך דעם טאָג,
דעם ליכטיקן, דעם העלן.
דערצו קאָסט ביליקער דער רענט — —

די מאַמע זאָגט — זי בלייבט אָן כוחות
ביז זי קלעטערט דאָ אַרויף די שטיגן.
איך ווייס, ווי שווער עס איז — איך ווייס,
נאָר וואָס־זשע קען מען טאָן?
ס'איז ערגער נאָך צו ליגן
אין אַ קעלער וואו מיט נאַסע ווענט.
דו הערסט, מיין קינד? דו זאָלסט ניט לאָזן,
אַז די מאַמע זאָל דיך טראָגן אויף די הענט —
אַרויף די שטיגן.

דער אַרבעטלאָזער רעדט צום קינד
וועגן זון־פֿאַרגאַנג

ווײ, ווײ, ווי ס׳האָט דער הימל זיך צעברענט !
עס בלענדט די אויגן.
פֿינקלדיקע פֿאַסמעס זון,
פֿאַרבן צאַרטע, ווייכע,
הויפֿנס בליטן, בערג מיט בלומען . . .
וואָלט דער באַס אַהער דערגרייכן,
וואָלט ער אַלץ פֿאַר זיך גענומען
און געמאַכט פֿון דעם פּראָפֿיטן . . .

אַזוי פֿיל פֿרייד פֿאַר מענטשנס אויגן,
עס וועקט די בענקשאַפֿט אויף אין האַרצן
ווייסט אַליין ניט וואָס זאָלסט גאַרן.
וויפֿיל גאָלד און וויפֿיל זילבער !
כאָטש מיט לאָפּעטעס צו שאַרן.
נישט צום מעסטן, נישט צום ציילן,
ס׳וואָלט גענוג זיין יעדן איינעם
איינצוטיילן . . . — — — —

פאַרבן רוישן . . .
קאָלירן קומען און פאַרגייען.
ווי זיי טוישן זיך און מיניען,
אַזש עס נעמט דער קאָפּ זיך דרייען.
אָט איז זייד, און דאָרטן ווייט, איז סאַמעט —
פאַר יעדן הויז אַ פּאָר גאַרדינען.
ווי שיין עס וואָלט געפּאַסט דער מאַמען
אַ קלייד פון יענעם זייד דעם גרינעם.
זי נייט און נייט און נייט,
און קען זיך ניט
קיין לייטיש קלייד פאַרגינען.

די פרוי פונעס אַרבעטלאָזן דערציילט
פון שאַפּ

— היינט האָט אַן אַלטער מאַן
ביי אונז אין שאַפּ ווי אַ קינד געוויינט.
עס איז אודאי ווייַ און ווינד צו דעם,
וואָס דאַרף נאָך אויף דער עלטער אַרבעטן פאַר ברויט.

ס'אַזאַ פאַרדראָס,
ר'האָט דאָ אין שאַפּ גע'פּטר'ט זיין געזונט.
שיעור בלינד געוואָרן ביים געניי,
און מער ווי זיך אַליין דערנערן
האָט ער קיינמאָל ניט געקענט.
איצט וויל פון אים דער באָס שוין פּטור ווערן,
דערגייט ער אים די יאָרן.

ער איז געזעסן ביים מאַשין
און שטיל אַזוי געוויינט . . .
עס חלומ'ט זיך דעם באָס הפּנים
די צייטן פון אַמאָל . . .
נאָר אויב ער מיינט,
אַז ער קאָן טאָן איצט וואָס ער וויל,
האָט ער אַן אונז געמאַכט דעם חשבון.

עס וועט ערשט מאָרגן זיין ביי אונז אין שאַפּ אַ בונט . . .
דו האָסט באַדאַרפט צו הערן,
ווי ס'האָבן אַרבעטער ביים מיטינג היינט גערעדט.
עס איז אַ שטיק געזונט מיר צוגעקומען.

דער אַרבעטלאָזער דערציילט זיין פרוי
די גוטע נייעס פונעם טאָג

— איך זאָג דיר, טייערע,
מען טאָר זיך ניט מייאש זיין פון קיינעם.
דו ווייסט, ווער ס'גייט מיט אונז צום מיטינג היינט ?
וועסט הערן, וועסטו זיך דערפרייען.
עס גייען די צוויי שכנים פונעם צווייטן הויז
און דער שכן, אונזערער, דער אַרבעטער פון רעכטס.

ווי לאַנג איז דאָס געווען,
אַז ער איז וועלטן־ווייט געווען פון אונז ?
געדנקסט, ווי ער פלעגט שעלטן ?
און איצט —
דו הערסט ? איך זיך און טראַכט :
ווי גוט עס וואָלט געווען ווען ס'וואָלט דער אַרבעטער
פאַרשטאַנען —
ווען עס וואָלטן זיינע אויגן ניט געווען פאַרבלענדט,
ער וואָלט געקענט די וועלט געווינען —
אַז אַלץ האָט ער אין זיינע הענט ;
ער גראָבט די מינען, ער מאַכט די וואָפן,
פירט די שיפן און די באַנען
און זיינע פינגער שאַפן אַלץ,
וואָס גיט די באָסעס אונזערע
די מאַכט.

דו הערסט? מיר דאַכט,
אַז ס'איז גאָר אויף דער וועלט
אַזאַ כוח ניט פאַראַנען,
וואָס זאָל די אַרבעטער באַזיגן,
ווען זיי וואָלטן נאָר געווען פאַראייניקט.

נאָר סיי ווי סיי
עס האָט דאָס באַסעגנטום שוין אָפּגעקעניגט.
זיי ווייסן שוין אַליין,
אַז ס'איז דער אָנהויב פון זייער סוף,
אַז ס'איז סאָוועטן־לאַנד
דעם אַרבעטער'ס אַדעראַף אויף אַ נייער וועלט.

דער אַרבעטלאָזער דערציילט זיין פרוי וועגן מינכען־נאַכט, ניינצן אַכט און דרייסיק

איך ווייס נישט, צי כ'בין וואַך געווען,
צי איך בין געשלאָפן,
נאָר ס'האָט זיך מיר געדאַכט,
אַז כ'האָב אַ גאַנצע נאַכט געהערט אַ יאָמערן
פון לויפנדיקע מחנות אידן . . .

איך אַליין —
בין ערגיץ אין אַ גרוב געלעגן,
מיט געליימטע הענט און פיס . . .
עפּעס אַ פּאַרזױעניש,
האָט מיט אַנגעגליטער שפּיז
מיר דאָס לייב געברענט
און אַ הויכער מאַן, אין אַ צילינדער
איז געשטאַנען און געלאַכט . . .
איך האָב געוואָלט זיך ווערן,
האָב איך נישט געקענט . . .
איך האָב געמאַטערט זיך צו שרייען
איז מיין מויל געווען פאַרמאַכט . .
אַזוי, אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט . . .

איך בין געלעגן און געהערט,
ווי עס האָט דער ווינט געפּאַטשט
מיט רעגן אויף די שויבן — — — —
איך געדענק,

עס האָט אַמאָל אַן איירישמאַן געזאָגט:
„אין דרויסן רעגנט קעץ און הינט" . . .
איך זאָג דיר,
אַז עס האָבן וועלף געוואָיעט
אין רעגן און אין ווינט
און ס'האָט זיך מיר כסדר נאָר געדאַכט,
אַז עס זיינען טויזנטער געלאָפן
און געשריגן: העלף! העלף! העלף!
נאָר ס'האָט קיינער ניט געהאָלפן — —
וואו עס איז אַ טיר געווען נאָך אָפן,
האָט זי זיך פאַרמאַכט
און וואו עס האָט אַ ליכטל נאָך געברענט,
האָט זיך עס פאַרלאָשן . . .
און ווער עס האָט זיך יאָ אַ לאָז געטאָן צו העלפן
האָט מען אים דעם וועג פאַרשטעלט . . .
אַ וועלט, אַ וועלט! . . .

דו ווייסט, איך שעם זיך אויסצוזאָגן,
נאָר ווען איך האָב, האַלב וואַך, האַלב שלאָפנדיק געהערט,
דאָס וויטע יאָמערן און קלאָגן — —
האָב איך געטראַכט,
אַז ס'האָט אינגאַנצן אפשר ניט די ווערט געהאַט
דאָס לאַנגע ראַנגלעניש,
פאַר פרייהייט און פאַר רעכט
און די קרבנות, וואָס מ'האָט באַצאָלט דערפאַר,
אַז ס'האָבן יענע ל י ט ,
געקענט די וועלט דערפירן,

צו דעם פינצטערן קאָשמאַר,
צו דעם מינכענער פאַרראַט.

איך האָב געטראַכט:
צו וואָס, דאָס מיען זיך?
צו וואָס, דאָס האָוועען און דאָס בויען?
אַז אייביק וועט אַזוי די נאַכט זיך ציען
מיטן יאָמערן און וואָיען . . .
אייביק וועל איך דאַכט זיך זען נאָר
אויגן, אויגן, אויגן פול מיט צער
פון מחנות וואָגלענדיקע אידן . . .

פאַרטאָג ערשט בין איך איינגעשלאָפן
מיט אַ שלאָף אַ שווערן און אַ מידן . . .

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט,
איז געווען שוין העלער טאָג.
עס האָט אַ זון אַ וואַרעמע
מיר אַריינגעלאַכט אין פּנים,
זיך מיט מיר גערייצט,
און אַ הימל, לויטער־בלוי,
האָט אַריינגעקוקט צו מיר אין פענצטער ווי פאַר'חידוש'ט:
אַזוי, אַזוי,
ביסט שטאַרק אַנטוישט און אָפּגענאַרט? — —
איז וואָס אַ שטייגער, זאָג, האָסטו דערוואַרט
פון יענע לייט,
וועמענס סדר פון דער וועלט
עס איז: פּראָפיט און געלט,
פּראָפיט און געלט —

און ניט דעם מענטשנס גליק
און ניט דעם מענטשנס זיין
האָבן זיי אין זין,
נאָר אַלעס וואָס עס וואַקסט און בליט
און וואָס עס טוט דער מענטש און שאַפט
פאַרוואַנדלען זיי
אין טויט און נויט,
צוליב פּראָפיט.

איז וואו איז ד י י ן באַוואוסטזיין,
אַז דו לאָזסט זיך אויך פון זיי צעטומלען
און פאַרצווייפלט ווערן.
דאָס איז אַלעס וואָס זיי ווילן . . .
אָ, עס וואָלט די שיינע הערן זייער געפעלן . .
מעגסט זיך שעמען . . .

כ'זאָג דיר, אַז איך האָב פאַרשעמט זיך
פאַר דעם טאָג דעם העלן — —
און איך האָב דערפילט,
ערשט איצטער זיך מיט פרישע כוחות
צו דער אַרבעט נעמען . . .

עס באַרימט זיך דער אַרבעטלאָזער פאַר זיין שכן דעם שרייבער

מיין פרוי האָט שאַרסקע הענט.
דורך אַרימקייט און נויט איז זי פון קליינערהייט
פאַרבונדן מיט איר קלאַס.
זי האָט פון ביכער ניט אַרויסגעלייענט
קיין אויסגעפוצטע רייד —
זי שעלט, ווען ס׳איז ווער אומגערעכט
צו איר און שלעכט.
און וויינט ווען ס׳טוט איר וויי.
זי נייט אַליין פאַר זיך דאָס קלייד
און זינגט דערביי אַן נאָטן אויס
איר טרויער און איר פרייד.

מיין פרוי האָט ליב איר קלאַס.
זי גייט אויף פּיקעט לאַין אין ערשטער ריי
און דאַרף מען, גיט זי קלעפּ דעם סקעב
וואָס פאַלט אַריין אין אירע הענט.
זי קערט מיט עקל זיך אַוועק
פון יענעם וואָס פאַרראַט איר קלאַס.
און איז איר לעבן אָפּצוגעבן גרייט
פאַר איר פאַרטיי,
און איצטער נייט זי זיך אַ קלייד
צום אַלגין־יובילײ.

דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין פרוי
וועגן דעם שכן דעם שרייבער

כ'האָב היינט גערעדט צום שכן אונזערן — דעם שרייבער,
וועמענס בוך מיר האָבן מיט אַ צייט צוריק געלייענט.
איך האָב געהאַט מיט אים אַ לענגערן געשפּרעך;

דו האָסט געמיינט, ער האַלט זיך גרויס,
און זייטיקט זיך פון אַלע שכנים דאָ אין הויז.
ביסט ניט געווען גערעכט צו אים;
ער האָט מיט מיר גערעדט פון אַלעם אין דער וועלט,
נאָר ווען דו וואָלסט געהערט
די פראַגן וואָס ער האָט געשטעלט,
וואָלסטו געלאַכט, —
אַז עפּעס אַלעם הויבט זיך אָן ביי אים
פון דאַך, אָדער גאָר פון הימלס־הויך
פון ערגעץ וואו, מיליאָנען יאָרן ווייט.
ער רעדט אפילו שיין, — מיט גלאַנץ און בליק;
נאָר אַלץ אַזוי אַבסטראַקט —און נעבלדיק,
ווי איינגעהילט אין רויך.

איך זאָג: אַנטשולדיקט וואָס איך וואַג,
נאָר מיר קומט אויס, אַז ס'האָט קיין זינען ניט
צו זוכן גליקן ערגעץ אין די הויכע ווייטן
און לאָזן אַז די וועלף — די פּראָפּיטירער

זאַלן דאָ אויף דר'ערד דעם א י צ ט פאַרצוקן . . .
און וואָס עס טוט זיך ד אָ ר ט ,
אויף י ע נ ע ר ־ ז י י ט פון לעבן,
זאָלן גיין די רייכע אויסגעפינען . . .
זיי האָבן צייט און געלט, און אַלעס איז זיי קאַרג . . .
אפשר וועלן זיי אַנטוויקלען דאָרט
אַ נייעם מאַרק — — איר לאַכט — — —

איך ווייס, ס'איז אַלעס גוט און שיין
פון וואָס איר טראַכט און טרוימט.
נאָר ווען וואָלט דאָס געווען גערעדט,
ווען יעדער קריגט דאָ וואָס ער דאַרף,
דאָס נויטיקסטע צום לעבן ;
אַ שטיקל ברויט צו זעט, אַ קלייד — — —
און איך בין גרייט
צו גיין מיט אייך אין אַ געוועט,
אַז איר אַליין —
האָט אויך נאָך ניט דעם חודש רענט . .

די הערסט ?
ווי אַ קינד האָט ער צעפירט מיט זיינע הענט,
געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין
און זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד
עפּעס אויפצוהויבן,
כ'זאָל נישט זען די טרערן אין זיינע אויגן . . .

די פרוי פונעם אַרבעטלאָזן באַקאַנט זיך מיטן שרייבער

מיר האָבן היינט געהאַט אַ גאַסט,
אַ שאָד וואָס דו ביסט ניט געווען.
דער שרייבער — אונזער שכן
איז אַרויפגעקומען זען
ווי מיר לעבן דאָ.

אַ צוגעלאָזטער זייער,
ער ווערטלט זיך און שפּאַסט
דערפילסט זיך היימיש באַלד מיט אים.
ער האָט פאַר עמוס׳לען אַ לידעלע פאַרפאַסט
און זיך מיט אים געשפּילט.

ד י ך האָט ער געלויבט
און מיך האָט ער פאַרזיכערט:
אַז בעסער ווי ער פילט זיך דאָ ביי אונז
האָט ע ר נאָך קיינמאָל ניט געפילט.

מיר האָבן זיך צערעדט פון עמוס׳לען.
האָט ער געזאָגט: ער גלויבט,
אַז מען דאַרף קיין קינד ניט לערנען,
וואָס די גרויסע דאַרפן וויסן;
ווייל עס רויבט ביים קינד אַוועק
די נאַאיווע שפּילעוודיקע פרייד.

האָב איך געבעטן, ער זאָל מיר מוחל זיין
מיינע חוצפּה׳דיקע רייד
און כ׳האָב געפרעגט:

ווייסט א י ר וואָס גרויסע דאַרפֿן וויסן?
האָט ער פֿאַרטראַכט, די נעגל זיך געביסן
און געענטפֿערט: ניין.
נו, אויב אַזוי — האָב איך געזאָגט,
זאָלן עס די קליינע קינדער וויסן...

דאַן האָב איך אים דערציילט
פֿון אַ אינגל וואָס פֿאַרקויפֿט דאָ צייטונגען אין גאַס.
און איז דער איינציקער פֿאַרדינער
פֿאַר אַ גאַנצן הויזגעזינד.

עס רופֿן אים די קינדער: „שרימפּ"
און ער איז נאָך טאַקע גאָר אַ ברעקל.
ער לויפֿט אַרום אין שניי און ווינט
אין רעגן און אין בלאָטע
אין זיין ברודערס אַלטן רעקל,
אין צוויי גרויסע אַלטע שיך,
לויפֿט ער פֿלינק אַזוי אַרום פֿון טאָג צו טאָג
און עס קלינגט זיין שטימעלע און זינגט די עקסטראַס אויס.

טאָמער גייט אַ קונה וואו פֿאַרביי,
טאָמער שטעלט זיך אַ מאַשין וואו אָפּ
איז דאָס קליינע טאַטעלע שוין דאָרט —
דעם אַ שמייכל, יענעם אַ גוט וואָרט;
איינעם זאָגט ער „טהענקיו"
און אַ צווייטן: „יעס סער".

יעדן אָוונט, ווען איך זע אים,
שניידט דאָס האַרץ מיר ווי מיט מעסערס
און איינגאַנצן איז ער, דער פֿאַרדינער
פֿון עמוס'לען ניט גרעסער — —

דער אַרבעטלאָזער רעדט מיטן שרייבער
וועגן לעבן און וועגן טויט

דו ווייסט ?
עס האָט דער שכן אונזערער — דער שרייבער,
היינט אַזוי צו מיר געזאָגט :
לויט אייערע רייד, קומט אויס,
אַז איבעראַל און אין אַלעם אויף דער וועלט,
איז שולדיק אונזער איצטיקע סיסטעם ;
איז אפשר אויך שוין שולדיק קאַפּיטאַל
אין דעם, וואָס מענטשן שטאַרבן ? — —

ווען אפשר דאָרט,
אין אייער אָרדענונג דער נייער,
וואו דער אַרבעטער וועט זיין דער פירער
און עס וועט ניט זיין קיין פּראָפּיטירער־קלאַס,
וועט אפשר דאַן,
אויך ווערן אָפּגעשאַפט דער טויט
און מענטשן וועלן אייביק לעבן ? — —

ר׳האָט זיך צעלאַכט
ווי ער וואָלט אַרויסגעזאָגט דעם קלוגסטן שפּאַס — — —

איך האָב געזאָגט : געוויס, מיין פריינט, געוויס,
נאָך מערער ווי אין אַלץ,
איז שולדיק די סיסטעם,

אין מענטשנס טויט
און נאָר אין יענער נייער אָרדנונג, דער פריַיער,
וועלן מענטשן אייביק לעבן.

איר ווייסט ?
ווען קינדער זייַנען הונגעריק און דאַר
און לעבן זעלטן זייער קינדהייט אויס,
און יוגנט לויפט פאַרביַי,
אָן אמת׳דיקער פרייד, אָן שטיפעריַי,
ניט וויסנדיק וואוהין דער מאָרגן פירט
און נערן, נערט מען זיך, אויף ניקאָטין,
אויף שפּירט, אויף סם און האַס ;
ווען מענטשנס רייפסטע צייַט,
צעטראָטן ווערט, ווי שטויב, ווי קויט ;
ווען עלטער ווערט אַ לאַסט, אַ שווערע קייט,
פון ניט־געלעבטע טעג און נעכט
ו ו ע ן מ ע נ ט ש ן ש ט אַ ר ב ן , נ י ט
ג ע ל ע ב ט ע ר ה י י ט —
אָ ט , ד אָ ס א י ז ט ו י ט !

זיי שטאַרבן טויזנט טויטן יעדן טאָג
און קוקן צו אין מאַטער און אין שרעק —
בייטאָג — אין שווייס, אין אָפּגענאַרטער מי,
ביינאַכט — אין מידן שלאָף,
ווי דער האַר -- דער שונא
שלעפּט אַוועק דאָס לעבן שטיק נאָך שטיק.
און ווי אַ וואָלף פאַרציקט אַ שאָף,

און ווי אַ טבויר דערשטיקט אַן עוף,
אַזוי מאַכן זיי אַ סוף,
צום מענטשנס לעבן,
וואָס ער האָט נאָך נ י ט ג ע ל ע ב ט —
אָ ט ד אָ ס א י ז ט ו י ט !

א י י ב י ק איז דאָס לעבן דאָרט
וואו פול און פריי
עס לעבט דער מענטש זיין לעבן אויס
פון פאַרגעבוירן אָן
ווי אַ זאָמען פון דער ערד,
וואָס וואַקסט אַרויס און ווערט, און גרינט און בליט,
און ווען דער פילקאָלירנדיקער, דופטנדיקער צוויט
פאַרפליט,
דאַן רונדט זיך אויס די פרוכט
און רייפט און פילט זיך אָן מיט זאַפט
און טראָגט אין זיך דעם זאָמען גרייט
פאַר ניי געבורט.

עס איז ניטאָ קיין שרעק פאַר טויט,
פאַר פאַרגייענדיקע טעג,
ווען יעדער טאָג איז ווי אַ מילגרוים
פול מיט לעבנס־זאַפט,
פול מיט אינהאַלט, פול מיט זין,
פול מיט גליק און פרייד פון אויפטו
ווען מען שאַפט.

נאָר ד אַ ן איז פול דער לעבנס־טאָג מיט שפּיל.
עקסטאַז פון ציל באַהערשט דיין זיין
וואָס לויפט און רוישט ווי וואַסער־פאַל
און גיסט מיט אַלעם זיך צונויף
און איבעראַל ביסטו.
דו מישפּט זיך אוים מיט דעם וואָס איז געווען
און ווערסט אַ טייל פון דעם וואָס ווערט ערשט זיין
דו ווערסט —די אייביקייט אַליין . . .

און ווען דו גיסט אַזוי זיך איבער
ביז אין לעצטן טראָפּן זאַפט
אין דעם נייעם,
וואָס איז ד ו און מ ע ר ווי דו —
דאַן פילסטו מיד אַזוי און זיס
און בענקסט נאָך רו און שלאָף.

און כאָטש דו האָסט צונויפגעלעגט שוין דיינע הענט
און עס לויפן מער ניט דיינע פיס,
ביסטו אומעטום אין דעם אַרום,
אין דעם לויף און גאַנג, אין דעם געזאַנג
פון לעבן,
דאַן מאַכסטו דיינע אויגן צו
און שלאָפסט אַ זיסן שלאָף
און ווייסט ניט וואָס אַזוינס ס'איז טויט,
ווייל ביסט אין לעבן אייביק דאָ.

אינהאַלט

■

I. דערפאַר וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב

איך זינג פון לעבן 7
מיין חלק אייביקייט אין לעבן 8
דער רוף 10
מיינע איד׳ן קריגן זיך מיט מיר 12
ס׳איז די וועלט די ליכטיקע מיר זייער געפעלן 18
זיי ווייסן נישט דעם זין פון לעבן 19
אייביק איז דאָס גוטע 21
דערפאַר וואָס מיר האָבן דאָס לעבן אַזוי ליב 22

II. לידער פון דערוואַכונג

איך בין אַרויס דעם העלן טאָג באַגעגענען 25
קענ׳ט יו סי? 27
דו ריז, דו נאַר! 30
דאָס ליד פון אויפגעוואַכטן ריז צו זיינע ברידער 32
ערב נייע צייט (פאָעמע) 34
אַ בריוו פון היים־לאַנד 42
יובל 44
די פּראָסטע רייד פון קאַמף און רעכט 45

III. מאַנער צייט

מאַנער־צייט 49
פּראָסטע דעמאָנסטראַציע 50
מיר, די מיליאָנען 51
הונגער־מאַרש 53
קעניג פאַרד 54
קעגן האַר דעם שונא 57
איך הער דיין קול, וואָלט וויטמאַן 58

IV. אַלץ איז לעבן

זונטיק אַף דער פערצנטער גאַס.......... 63
אויף אַ שיף אין אַ זומער־פאַרנאַכט.......... 64
אַמבולאַנס.......... 65
זייט מיר מוחל מיין גוטמוטיקן שמייכל.......... 66
דער וואַנדערער גייט נאָך דעם עכאָ.......... 67
מאַדנע.......... 69
ווי זאַמד דורך די פינגער.......... 70
ווען די לבנה שיינט ניט.......... 71
ווי בעז אין פרילינג.......... 73
גליק אַף דער פערצנטער גאַס.......... 75

V. ווי לאַנג איך וועל לעבן

פרוי.......... 79
בענקשאַפט.......... 80
ווי ווינטן פאַר אַ שטורם.......... 81
„טרייענגל״.......... 83
אַ ברוגז.......... 84

VI. קינדער

קינדער.......... 89
יום־טוב — מאַי.......... 93
שניי.......... 94
ווינטער.......... 95
ווינט.......... 96
דער שלעכטער קעניג (באַלאַדע).......... 97

VII. אייגנס און פרעמדס

אונזער לאַנד.......... 103
אַמעריקע, אַמעריקע !.......... 104
אַז אַנדערע זאָלן לעבן.......... 115
אַ נעגער־אינגל זינגט אַ ליד.......... 117

VIII. אַלט און ניי היימלאַנד

צווישן גרענעצן ... 123
פליכטלינג־ליד ... 125
אַ סוחר אין אַמעריקע ... 126
ניי־היים ... 129

IX. פון מיין אַמאָל

מיט טויזנטער פעדים בין איך צום מענטשן געבונדן ... 133
עס קרעכצן די מענטשן אין חושך ... 135
דערוואַכונג ... 137
איך פרעג ניט דיינע וועגן ... 138
זאָגט מיין פרוי ... 139
אַזוי ... 140
עס וועט אַלץ נאָך גוט זיין ... 141
איך וועל קומען ... 143
אונזער גוטער זיידע ... 146
אונזער אומגליק ... 147
שוואַכע קינדער חלומ׳ען חלומות ... 148

X. פּראָסטע לידער

דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין קינד ... 153
דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין קינד וועגן דער זון און וועגן ביליקן רענט ... 154
דער אַרבעטלאָזער רעדט צום קינד וועגן זון־פאַרגאַנג 155
די פרוי פונעם אַרבעטלאָזן דערציילט פון שאָפּ ... 157
דער אַרבעטלאָזער דערציילט זיין פרוי די גוטע נייעס פונעם טאָג ... 158
דער אַרבעטלאָזער דערציילט זיין פרוי וועגן מינ־כען־נאַכט, ניינצן אַכט און דרייסיק ... 160
עס באַרימט זיך דער אַרבעטלאָזער פאַר זיין שכן דעם שרייבער ... 164
דער אַרבעטלאָזער רעדט צו זיין פרוי וועגן דעם שכן, דעם שרייבער ... 165
די פרוי פונעם אַרבעטלאָזן באַקאַנט זיך מיטן שרייבער 167
דער אַרבעטלאָזער רעדט מיטן שרייבער וועגן לעבן און וועגן טויט ... 169